№ 49 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. | [illegible] יאהרגאנג. | פרייז 20 גראשן. | „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה:
פארן טעקסט 40 גראשן | נאכ'ן טעקסט 25 גראשן
אין טעקסט 80 גראשן.
די ערשטע און לעצטע זייט וועלט 8 [illegible]

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

אבאנעמענטס-פרייז: א נומער 20 גראשן.
[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, dnia 5 grudnia 1931 | ליכט-צינדען 3.11 | פרייטאג, פ' וישב כ"ד כסלו תרצ"ב.

בעקאנטמאכונג.

די פערוואלטונג פון דער יוד. קהלה אין טשענסטאכאוו איז מודיע — אין הסכם מיט'ן ארט. 13 פון די פארשריפטען וועגען יוד. קהלות (דז. אוסטאוו נר. 25 פון 5 מאי 1928) דאס די עטאט-ליסטע און בודזשעט אויפ'ן יאהר 1932 וועלען זיין צום אדורכזעהן אין דער קהלה-קאנצעלאריע, נייער מארק 14 אין משך פון 8 טעג, ד. ה. פון 3-טען ביז'ן 10 ד. ח. בעת די ביורא-שעה'ן

נאכ'ן דערמאנטען טערמין אין משך פון 8 טעג דיענט די צאלער דאס רעכט אנצוגעבען דער קהלה פערוואלטונג מאטיווירטע שריפטליכע רעקלאמאציעס.

געגען בעשלוס פון דער רעקלאמאציע-קאמיסיע קענען די עטאט-צאהלער אנגעבען רעקורסען צו דער אויפזיכטס-מאכט.

רעקלאמאציעס אריינגעגעבענע נאכ'ן אויבענדערמאנטען טערמין וועלען נישט בעטראכט ווערען.

פערוואלטונג
פון דער **יודישער קהלה**
אין טשענסטאכאוו.

טשענסטאכאוו, ד. 2 דעצעמבער 1931 י.

זונטאג, דעם 6 ד. ח. 5 א זייגער נאכם. קומט פאר אין דער אלטער **שטאדט-שוהל**
א גראנדיעזער רעליגעזער קאנצערט
מיט'ן אנטייל פון בעריהמטען שטאדט-חזן **יוסף באדאש,**
ווי אויך דעם פענאמענאלען וועלט-בעריהמטען 12-יעהריגען **איטשעלע טילעס** מיט א פערשטארקטען כאר.
פראגראם: מה טובו — כאר, חדלקת נרות — חזן, כאר, הנרות הללו — כאר, מעוז צור ישועתי — כאר, הללוי'—כאר, באדאש.
יונים נקבצו עלי, מי שעשה נסים, רזא דשבת, ועל ידי עבדיך, רחם נא — טילעס.
איינגאנג 75 גראשען. בילעטען צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באטשאן (אלעע 6), ביי ה' לוקסענבערג (נייער מארק) און ביי ה' אבראמאוויטש (1-טע אלעע 4 און 2-טע אלעע 28).

לשמוע אל הרנה ואל התפלה!
א צוועלף - יעהריגער יאסעלע ראזענבלאט!
עס ווערט בעקאנט געמאכט דעם געעהרטען פובליקום דאס **שבת, פ' וישב א' דחנוכה**
וועט דאווענען קבלת שבת און שחרית ומסיף אין שוהל **„אהל יעקב", אלעע 4**
דאס צוועלף יעהריגע וואונדער - קינד
איטשעלע טיללעס
דער צווייטער יאסעלע ראזענבלאט,
וועלכער האט איבעראל די גרעסטע בעגייסטערונג ביי די צוהערער ארויסגערופען.
— — — איינטריט אויך פאר פרויען. — — —
בילעטען אויף פרייטאג 50 גר. און שבת פריה 50 גר. צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באטשאן (אלעע 6) און אין ווארשטען-געשעפט פון ה' אבראמאוויטש (אלטער מארק 30).

זונטאג, כ"ו כסלו ד. 6 דעצעמבער 4 נ"מ
קומט פאר אין דער נייער סינאגאגע
א חנוכה - פייערונג
מיט'ן אנטייל פון ראבינער ד"ר **הירשבערג,** ה' וואגא און **גאנצען כאר** אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' **זאקס.**
די פערוואלטונג.
איינגאנג פריי.

אבטונג האנדווערקער!
שבת, דעם 5 דעצעמבער קומט פאר אין לאקאל פון האנדווערקער-פערבאנד **א פארלעזונג**
פון ח' **משה דזיאלאווסקי**
א.ד.ט.: **מיינע פערזעהנליכע איבערלעבונגען פון דער יאפאניש-רוסישער קריעג.** — איינגאנג 50 גר.
אנהויב האלב 8 אוענד.
יודישער לעדער-צעך.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי ה'
מנשה יאקובאוויטש,
פאר מיין נישט-טאקטישען ארויסטריט געגען איהם.
ב. מאשקאוויטש.

א גוט - רוטינירטע בוכפיהרערין
קארעספאנדענטין
שרייבט אויף מאשין זוכט בעשעפטיגונג
פאר שעה'דיגע ארבייט. ערקינדיגען אין רעד. פאר ג. מ.

ד"ר מעד. **ח. פאלק**
ספעציאליסט פון
נאז, אויערן און האלז-קראנקהייט
נעמט אן פון 2—12 און פון 7—5
קאשטשושקי 14. טעל. 15-8.

W niedzielę, dn. 6 grudnia 1931 r.
w sali Rady Miejskiej, Dąbrowskiego 10
odbędzie się na rzecz **DOMU SIEROT**
Wielka ZABAWA CHANUKOWA
o godz. 3-ej po poł. dla dzieci
od godz. 8-ej wiecz. dla dorosłych i młodzieży
UROZMAICONA WIELOMA ATRAKCJAMI
na którą wszystkich swych członków i sympatyków zaprasza
ZARZĄD
Bilet wejścia zł 1.20.

קרן קימת לישראל, טשענסטאכאוו.
שבת, ד. 12 דעצעמבער ה. י. 10 א זייגער אווענד וועט אין פייערלעשער-זאל פאר'קומען א
גראנדיעזער באל
א. נ. **„א נאכט אין תל-אביב"**
מיט א רייכען פראגראם. אויסערגעוועהנליכע אטראקציעס!
הערליכער ארקעסטער! טענץ ביז'ן ווייסען טאג אריין!
איינגאנג נור געגען איינלאדונגען!

בעקאנטמאכונג.
דערמיט מאך איך בעקאנט די ג' אבנעמער, אז איך האב געעפענט אין טשענסטאכאוו
ערשטע אלעע 4 (ערשטער שטאק, פראנט)
א לאגער פון מאנופאקטור-סחורות א.ד.פ.
„HURTOTEX"
ד. איזביצקי
און איך האב פערזעהען אין א גרויסען אויסוואהל פון:
וואלענע, זיידענע און בוימוואלענע סחורות
וואס ווערען פערקויפט צו פאבריקס-פרייזען.
די לייטונג האב איך איבערגעגעבען דעם ה' **משה פויסט.**

לעזט אויפמערקזאם!
דאס ניי-געעפענטע געשעפט אונטער דער פירמא „JABŁORYB" **אלעע 12,** האט איינגעארדענט צוליעב דער בעקוועהמליכקייט פון געעהרטען פובליקום **אין ספעציעלע צימער'ן** ביים געשעפט **א קוך** ווי מען קען בעקומען **א גאנצען טאג פריש געקאכטע, שמאקהאפטע פיש אויך פליישיגע קאלאציעס, צו זעהר ביליגע פרייזען,** עס איז אויך איינגעארדענט געווארען א אבטיילונג פון פערשידענע רויכער-פליישען ווי: **ווארשט, אויפשניט, ווורשטלעך** אד"ג, יעדען טאג פריש, צו קאנקורענץ פרייזען. קומט וועט איהר זיך איבערצייגען.
מיט אכטונג: **„JABŁORYB", Aleja 12**

POKÓJ
z odzielnym wejściem
do wynajęcia zaraz
wiad. w redakcji, I-sza Aleja 6.

מיין איניגסטען דאנק דריק איך אויס דער געעהרטער פרוי **ראזענטאל,** אגראדאווא 22, פאר איהר גוטהערציגקייט וואס זי האט בעוויזען צו מיינע קינדער, אין דער צייט ווען מיין פרוי איז קראנק געוועזען אין שפיטאל.
צייטונגס-פערקויפער, גאלדשמיד.

Szkoła tańców
baletm. **K. KOSTECKIEGO**
w lokalu własnym **Waszyngtona 6**
uczy Ostatnie Nowości sezonu „Rumba"
Tango argentinó, Fox-Step, Walc-boston
i inne, w kompletach i pojedyńczo,
Zapisy na kursy I - II - III Mazura codz.
od 10 rano do 9 wiecz.
פראקטישע לעקציעס יעדען שבת 8 אווענד
לעצטע מוזיק-שלאגערס. — פאר פרויען—הנחה.

עס ווערט געזוכט
אנ'ארענטליך לערן-יונגעל צו א גוט פאך
ערקינדיגען זיך אין רעדאקציע פאר ס.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן רעגולירען די שול-אבצאהלונגען, ווי אויך א גאנצע רייהע אנדערע פראגען, וואס האבען א שייכות מיט די שילער, איז געשאפען געווארען **א עלטערן קאמיטעט** ביי דער **יודישער האנדווערקער-שולע** פון פאלגענדע פערזאנען: פרעזעס — שמעון הערשליקאוויטש, וויצע-פרעזעס — אברהם מארטענפעלד, יאאכים לענטשנער, קאשציאנסקי, שלמה ווינער און הירש עפשטיין.

כל'ערליי פראגען, וואס האבען א שייכות צו דער שול, ווערען ערלעדיגט דורכ'ן עלטערן - קאמיטעט ביי דער האנדווערקער-שולע.

נדבות אין רעדאקציע
פאר בית לחם ש. גרינבוים 3 זל, ז. צודעק 2 זל.

SAMOPOMOC UCZNIOWSKA
przy
Gimn. T-wa Żyd. Szkół Średnich

urządza

W SOBOTĘ 5-go GRUDNIA
w sali
„ROZMAITOŚCI", Katedralna 10

WIECZÓR CHANUKOWY
w programie:
Tragedja Hebla „J U D Y T A".
Orkiestra symfoniczna, chóry, balet it. d.
Po przedstawieniu:
ZABAWA TANECZNA.
Wiele niespodzianek.
Bufet obficie zaopatrzony
Wstęp od 1 zł. do 3 zł.

początek punktualnie o godz.
8-ej wiecz.
Kasa czynna od g. 6-ej wiecz.

צו דער פערלאבונג פון אונזער קוזינע
פעלא שטשעקאטש מיט ה' **מאריץ ניימאן**
ווינשט א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
פאמיליע לעווקאוויטש.

---

50 פראצ. ביליגער! | **א זעלטענע געלעגענהייט!** | 50 פראצ. ביליגער!
גרויסער אויספערקויף פון
פערשידענע וואלענע סחורות
אויף **פאלטענס, קאסטיומס, קליידער**
ווי אויך א גרויסער אויסוואהל פון פערשידענע אנדערע **רעשטען**
צו זעהר ביליגע פרייזען
ביי:
SAMUEL KATZ, Częstochowa
50 פראצ. ביליגער! | **ALEJA 20, TEL. 2-12.** | 50 פראצ. ביליגער!

Niniejszym zawiadamiamy W. P., że na skutek wzajemnego porozumienia

p. Eljasz Gerszonowicz

z dniem 23 listopada 1931 r. przestał być naszym przedstawicielem i tym samym utracił wszelkie prawa przyjmowania dla nas zamówień oraz inkasowania należności.

Do przyjmowania zleceń, inkasowania i kwitowania z odbioru należności upoważniony jest od dnia dzisiejszego wyłącznie p. **CH. ZYLBERSZPIC,** posiadający specjalną legitymację naszej firmy.

Biuro nasze z dniem dzisiejszym przenieśliśmy na ulicę ALEJA WOLNOŚCI 10/18 składy natomiast do firmy: „DOM EKSPEDYCYJNY JULJAN ZYLBER" Aleja Wolności 10/4, tel. 562

Z poważaniem
„M A R G A"
Tow. Handlowe Sp. z o. o. Warszawa
oddział w Częstochowie

אלערארט ביטעס
און בעהערדען געריכטען (סאנדעס), קאנסולאטען. קארעקטע-איבערזעצונגען פון פרעמדע שפראכען. פערפעקטע האנדעלס און פריוואט-קארעספאנדענץ. איבערשרייבונגען אויף מאשינען
ערלעדיגט פונקטליך דאס ביורא
S. STRAUSMAN, Częstochowa
I-a Aleja № 3, tel. 705.

ערפולט אייער חוב!

(צו דער הילפס-אקציע אין אונזער שטאדט)

אזוי ווי אין אלע אנדערע שטעדט (מען קען זאגען: אין כמעט אלע לענדער, ווייל איבעראל הערשט א מורא'דיגער קריזיס) איז אויך ביי אונז אין טשענסטאכאוו געשאפען געווארען א קאמיטעט, וועלכער זאל אנפיהרען מיט דער הילפס-אקציע, וועלכער האט דעם צוועק אויף וויפיעל ס'איז נאר מעגליך צו לינדערן דעם שרעקליכען נויט וואס הערשט צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

עס איז איבעריג צו בעטאנען און ערקלערען ווי עס זעהט אויס די לאגע אויף דער יודישער גאס. עס איז נישט נויטיג פארצושטעלען דאס שרעקליכע בילד אין זיינע גרויזאמע, שווארצע פארבען, ווייל אלעמען איז בעקאנט די שווידערליכע לאגע פון א גרויסען טייל יודען, וועלכער איז צוליעב'ן קריזיס, געבליבען פולשטענדיג אהן מיטלען צו לעבען, אהן דעם עלעמענטארגויטיגסטען פאר יעדען לעבעדיגען נפש, אהן ברויט, אהן קויהלען, אהן קליידונג, אהן שיך, און דא שטעהט פאר דער גרויזאמער ווינטער מיט זיינע קעלטען, וועלכער ווייסט נישט פון קיין רחמנות, וועלכער אונטערשיידעט נישט צווישען ארים און רייך, צווישען דעם, וואס האט די מעגליכקייט זיך צו שיצען פון פראסט און קעלט און דעם וואס איז שוצלאז און עס שטעהט איהם פאר אומצוקומען, צו פאלען פאר א קרבן אין פולען זין פון ווארט, אויב מען וועט איהם נישט געבען די נויטיגע ברידערליכע הילף און אונטערשטיצונג.

שטענדיג זענען פערהאנען געווען ארימע און אונטערדריקטע, קיינמאל האבען נישט געפעהלט קיין הונגעריגע און ליידענדע, אבער קיינמאל איז זייער צאהל נישט געווען אזוי שרעקליך גרויס און קיינמאל האבען זיי זיך נישט רעקרוטירט פון אזאלכע עלעמענטען ווי היינט.

דער שרעקליכער קריזיס, וואס הערשט שוין א לענגערע צייט און וועלכער ווערט פון טאג צו טאג שווערער און אונערטרעגליכער, האט אנגעריהרט אין אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג, ערשט נישט-לאנג געוועזענע סוחרים און בעלי-מלאכות, וואס האבען זיך מפרנס געווען בכבוד פון זייער ארבייט און האנדעל, זענען געווארען מחוסרי לחם, מיט יעדען טאג, מיט יעדער שעה פאלען כסדר קרבנות, ליקווידירען זיך געשעפטען אין האנדווערקער-ווארשטאטען און זייערע אייגענטימער פערגרעסערן די מחנה אומגליקליכע, וועלכע שטעהן מיט אויסגעלאשענע אויגען, מיט קלאפענדע הערצער און ווארטען אויף ברויט.

און ווידער מוזען מיר נעמען אין אכט די ווערטער: „אם אין אני לי, מי לי?" אויב מיר זעלבסט וועלען זיך נישט העלפען, אויב מיר אליין וועלען נישט צוהילף קומען אונזערע ברידער און שוועסטער, וועט דאס קיינער נישט טהון.

די אלע אלגעמיינע קאמיטעטען וואס עקזיסטירען צו העלפען די קריזיס-געליטענע, די אלע אלגעמיינע הילפס-אקציעס, וואס ווערען אין א גרויסער מאס אונטערשטיצט פון אונז יודען, גיבען אונז נישט צוריק, פאר זיי עקזיסטירט נישט דער יודישער קריזיס-געליטענער, פאר זיי איז נישט פערהאן קיין יודישער ארבייטסלאזער, אזוי איז דאס ליידער און מיר קענען צו דעם גארנישט העלפען.

דער יודישער הילפס-קאמיטעט וואס איז געשאפען געווארען כדי אדורכצופיהרען די נויטיגע הילפס-אקציע ביי אונז אין שטאדט, האט אויף זיך גענומען א שווערע, זעהר שווערע אויפגאבע, ווייל ווייניג, זעהר ווייניג זענען היינט פערהאנען צווישען אונז די מענשען, וואס קענען שפענדען פאר זייערע ארימע ברידער, ווייל יעדער איינער האט זיך אין די היינטיגע שווערע צייטען גענוג צו מאטערן ביז ער ברענגט ארויס פרנסה פאר זיין פאמיליע, אבער אין אזא צייט, אין א צייט פון אזא שרעקליכער קאטאסטראפע מוז יעדער טהון פיעל מעהר ווי זיין יכולת. מוזען מיר ברענגען קרבנות, מוזען מיר זיך טיילען מיט'ן ביסען ברויט, פון וועלכען מיר מוזען אבשפארען פאר די הונגעריגע און געפרוירענע, פאר די קראנקע און ליידענדע.

דער קאמיטעט שיקט ארום זיינע מענשען איבער דער שטאדט. זיי וועלען בעזוכען אלע יודישע הייזער, אז זייערע איינוואוינער זאלען זיך דעקלארירען מיט געוויסע מאנאטליכע סומעס צו דעם צוועק. זאל זיך קיין שום יוד, וועלכער האט נאר ווי עס איז די מעגליכקייט, נישט אויסשליסען פון אנטייל צו נעמען אין דער דרינגענדער הילפס-אקציע, זאל יעדער ביי זיך אליין מאכען דעם חשבון-הנפש און מיט'ן פולען יודישען און מענשליכען געוויסען זאל ער ערפולען זיין יודישען און מענשליכען חוב.

י. פ.

בודזשעט-זיצונג פון דער אלטער קהלה.

פערגאנגענעם שבת-צו-נאכטס איז פארגעקומען א זיצונג פון אלטען קהלה-ראט, כדי צו בעטראכטען דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1932.

פרעזעס וועקסלער עפענט די זיצונג און ערקלערט, אז לויט דער פעראָרדנונג פון דער אויפזיכטס-מאכט מוז דער בודזשעט פון דער קהלה זיין פערטיג דעם 30 נאָוועמבער און היות ווי די נייע קהלה איז נאך נישט קאנסטיטואירט מוז דעם בודזשעט מאכען די אלטע קהלה.

סעקרעטאר ה' בלומענקראנץ לייענט אדורך דעם צוגעשיקטען בריעף פון דער אויפזיכטס-מאכט וועגען דער קאמפעטענץ פון די קהלות, וועלכע איז אריין אין קראפט דעם 21 פאזדזיערניק 1931.

פרעזעס גאלדשטיין ערקלערט, אז צוליעב דעם, וואס דער בודזשעט האט געמוזט צונויפגעשטעלט ווערען אויף דער שנעל, האט די פערוואלטונג איהם גרונדליך נישט געקענט צונויפשטעלען גענוי, נאר מען האט געמאכט א קאפיע פון פאראיאהריגען בודזשעט אויסער איינינגע פאזיציעס, וואס די פערוואלטונג האט אויסגעשטראכען פולשטענדיג, ווייל זיי זענען נישט רעאל.

אויך האט מען אויסגעשטראכען די פאזיציעס וועגען „קולטור", וועלכע טאר לויט דער פעראָרדנונג פון דעם נייעם געזעץ נישט פיגורירען אין בודזשעט.

דער בודזשעט — זאגט ווייטער ה' גאלדשטיין — איז נישט רעאל מיט א ערך 40 פראצענט, די מעהרהייט פון דער פערוואלטונג האט אבער נישט געוואלט מאכען קיין רעדוקציע איבערלאזענדיג דאס צו דער דיספאזיציע פון ראט, וועלכער זאל דעצידירען וועגען דער רעדוקציע.

פרנס זילבערבערג טרעט ארויס געגען דעם, וואס אלע מאל גיט מען דעם ראט צו בעטראכטען דעם בודזשעט אין דער לעצטער מינוט און עס קומט קיינמאל נישט אויס, אז מען זאל קענען אריינפיהרען רעפארמען אין בודזשעט. בנוגע דער רעדוקציע זאגט ה' ז. מוז אומבעדינגט אדורכגעפיהרט ווערען, ווייל דער עטאט איז נישט רעאל און מען מוז איהם רעדוצירען. אויב עס וועט מעגליך זיין, אז מען זאל פערלענגערן דעם טערמין פון בעטראכטען דעם בודזשעט וואלט זעהר גוט געווען. אזוי ווי עס איז אבער א גזירת המלכות בלייבט נישט מעהר ווי אונטערצושרייבען...

פרעזעס וועקסלער מאכט אויפמערקזאם, אז דער פאריעהריגער בודזשעט איז נישט בעשטעטיגט געווארען דורך דער אויפזיכטס-מאכט, ווייל מען האט איהם צוגעשטעלט נאכ'ן טערמין.

פרנס אלטמאן איז דערפאר, אז מען זאל כאטש בעטראכטען עטליכע פאזיציעס, ווי שחיטה וכדומה.

פרעזעס גאלדשטיין דערצעהלט, אז די שחיטה צוליעב דער געהעריגער קאנטראל וועט היי-יאהר האבען אריינגעבראכט די סומע פון 185 טויזענד זלאטעס, דאגעגען דער עטאט ווערט נאר איינגעצאהלט 30 פראצענט פון דער סומע.

פרנס וויינשטאק האט א טענה, אז שחיטה-געלד פאר עופות נעמט מען צו טייער.

פרנס פאגעל פרעגט וואס פאר א פראיעקט די פערוואלטונג האט וועגען דעם בודזשעט און דערביי מאכט ער א חשבון, אז דער בודזשעט איז נאר אויף 10 פראצענט נישט רעאל.

פרנס האלטער איז דערפאר, אז מען זאל נישט מאכען קיין רעדוקציעס, זאלען די בעאמטע ווי אויך די אינסטיטוציעס האבען א פרעטענסיע צו דער אבטרעטענדער קהלה-פערוואלטונג און ראט.

פרנס קרעל איז דערפאר, אז מען זאל דעם בודזשעט רעדוצירען אויף 20 פראצענט.

פרנס ווארשאווסקי זאגט זיך ארויס, אז מען זאל אויך די שוחטים רעדוצירען זייערע פענסיעס, וועלכע זענען אונבעדינג צו הויכע.

עס רעדען נאך די פרנסים: דזיאלאווסקי, פינקעלשטיין, פיעטרקאווסקי א"א.

אין רעזולטאט ווערט בעשלאסען צו מאכען א רעדוקציע פון בודזשעט מיט 20 פראצענט און דאס צוזאמענשטעלען די בעזונדערע פאזיציעס ווערט איבערגעגעבען דער פערוואלטונג מיט עטליכע מיטגלידער פון ראט.

מיט דעם ווערט די זיצונג געשלאסען.

ווי מען טיילט אונז מיט, האט די פערוואלטונג צוזאמען מיט עטליכע מיטגלידער פון ראט, שוין ענדליך צוזאמענגעשטעלט דעם בודזשעט, וועלכען זיי האבען רעדוצירט מיט 40 טויזענד זלאטעס, וואס ס'מאכט אויס 10 פראצ. פון דער בודזשעט-סומע.

ווידער אבגעלעגט די פרעזעס-וואהלען פון דער קהלה - פעוואלטונג.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט אין פוריגען נומער פון אונזער צייטונג איז אויף פערגאנגענעם מאנטאג געווען בעשטימט די זיצונג פון דער נייער קהלה-פערוואלטונג מיט'ן צוועק אויסצוועהלען דאס פרעזידיום.

די זיצונג האט זיך געזאלט אנהויבען פונקטליך 7 א זייגער. עס איז אויך געוועזען אנוועזענד דער רעפערענט פון סטאראסטווא ה' זשעמבא, אבער נאכדעם ווי מען האט אבגעווארט ביז האלב 8 האט זיך ארויסגעוויזען, אז געקומען זענען בלויז די פערוואלטונגס-מיטגלידער פון אגודה, דעמאקראטען און אונפארטייאישע, צוזאמען 5 פערזאן, דאגעגען די מיטגלידער פון ציונים, האנדווערקער און מזרחי, אויסער פרעזעס ה' גאלדשטיין זענען צו דער זיצונג נישט געקומען. דאזאר ה' פיליפאוויטש האט גראד דאמאלס געמוזט זיין אמטליך אין קעלץ, אין דער איזבא סקארבאווא.

אזוי ווי ס'איז קיין קווארום נישט געווען האט די זיצונג נישט געקענט פארקומען און נאך א פערשטענדיגונג צווישען פרעזעס ה' גאלדשטיין מיט'ן אנוועזענדען רעפערענט איז בעשלאסען געווארען, אז די קומענדע וואהל-זיצונג זאל פארקומען קומענדען זונטאג האלב 8 אווענד.

(32

די פערפאלגטע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג)

ווי נאר דער נייער פויבסט האט איבערנומען זיין הויכען אמט, האט ער זיך ענערגיש גענומען צו בעזייטיגען פון דער קירך די פערשידענע אינטריגעס און געמיינהייטען וואס זענען דארט פארגעקומען. ער האט געוואוסט אז אונטער די שווערע טויערען פון די קלויסטערס, אין די אונטערערדישע היילען ווערען אבגעהאלטען גענוג אונלעגאלע זאכען און ער האט אויף זיך גענומען אלעס אויסצוראטען און אבצורוימען.

צוזאמען מיט'ן נייעם פויבסט איז אויך דער גאנצער שטאב פון די קארדינאלען און אנדערע הויכע בעאמטע פון דער קירך געווארען מעהר ליבעראל און די יודען אין איטאליען. איבערהויפט אין רוים, זענען געווען זעהר צופרידען פון דעם נייעם פרידליכען גייסט צו יודען, וואס האט געהערשט אין וואטיקאן.

צווישען די פערשידענע גייסטליכע וואס האבען ביים נייעם פויבסט פערנומען הויכע אמטען האבען זיך געפונען עטליכע, וואס זענען אמאל געווען פריינד פון דעם יוד אהרן פעלדמאן, און איצט ווען זיי זענען געשטאנען ביים רודער האבען זיי זיך דערמאנט אין זייער אמאליגען יודישען פריינד וועגען וועמען זיי האבען געוואוסט, אז ער איז אויף א געהיימניספולען אופן פערשוואונדען געווארען.

איינער פון זיי, דער נונציוס יאהאן, האט מיט זיינע פריינד אמאל פערפיהרט א געשפרעך וועגען אהרן פעלדמאן און ס'איז ביי זיי בעשלאסען געווארען אויסצופארשען אין געהיים וואס עס האט ווירקליך פאסירט מיט פעלדמאנען.

אלע האבען זיי געוואוסט, אז עס איז געגען פעלדמאנ'ען אויסגעטראכט געווארען א שרעקליכער בלבול און אז מען האט אהן שום רעכט קאנפיסקירט זיין פערמעגען פאר דער קירך און זיי האבען בעשלאסען אויסצופועל'ן ביים פויבסט, אז מען זאל פערריכטען דעם גרויסען פעהלער, וואס איז דאמאלס בעגאנגען געווארען געגען דעם דאזיגען עהרליכען מענשען און אבגעגעבען זיין פאמיליע דאס פערמעגען וואס מען האט פון איהם צוגערויבט.

און די דאזיגע עהרליכע און געוויסענהאפטע הויכע גייסטליכע האבען בעשלאסען ביי דער ערשטער געלעגענהייט, ווען זיי וועלען זיין אויף א בעראטונג ביים פויבסט, וואס פלעגט גאנץ אפט פארקומען וועגען רעליגיעזע זאכען, זאלען זיי מיט איהם רעדען וועגען דער אנגעלעגענהייט פון פעלדמאנ'ס פערמעגען.

אזוי האט דאס אויך פאסירט, ווען זיי זענען געזעסען ביים פויבסט אויף א בעראטונג, האט דער נונציוס יאהאן פארגעלעגט, אז איהם איז בעוואוסט דאס געגען דעם יוד אהרן פעלדמאן איז מיט 5 יאהר צוריק בעגאנגען געווארען א גרויסע זינד און אויב מען קען זיין לעבען נישט צוריק געפונען, ווייל ער איז שוין זיכער טויט, זאל מען ווייניגסטענס זיין פאמיליע צוריקגעבען זיין גרויס פערמעגען, וואס מען האט פון איהם אהן רעכט אוועקגענומען.

איך האב אליין שוין אויך וועגען דעם דאזיגען מאן געטראכט—האט דער פויבסט געענטפערט—איך געדענק איהם גאנץ גוט, האס איז געווען א זעהר עהרליכער און געוויסענהאפטער מאן, טראץ דעם, וואס ער איז געווען א יוד און עס וואלט געווען א יושר אבצומעקען פון דער הייליגער קירך דעם פלעק וואס מען איז בעגאנגען געגען דעם אונשולדיגען מענש, אבער צי ווייסט איהר עפיס וועגען זיין פאמיליע?—האט דער פויבסט געפרעגט.

ווי מיר איז בעקאנט האט דער נונציוס יאהאן געענטפערט—האט ער געהאט איין זוהן און איין טאכטער, וועלכע מוזען זיך געפונען ערגיץ אין איטאליען און לעבען אין ארימקייט און זיין פרוי איז פון צרות גייסטיג קראנק געווארען און ביז א צייט צוריק האט זי זיך געפונען אין א אנשטאלט פאר גייסטיג-קראנקע אין רוים. מען האט זי זאגאר דארט מעהר נישט געוואלט האלטען, נאר איך האב זיך צופעליג וועגען דעם דערוואוסט און איך האב בעאיינפלוסט די לייטונג פון אנשטאלט אז מען זאל זי דארט האלטען אזוי לאנג ווי זי וועט לעבען און איך גלויב דאריבער, אז זי געפונט זיך נאך דארט.

יא, מיר וועלען עטוואס טהון פאר דער דאזיגער אומגליקליכער פאמיליע וועלכע איז געפאלען א קרבן פון אונזער לאנד. אמת זיי זענען יודען, אונגלויביגע, אבער מיט קיין פאלשקייטען טאר מען זיי נישט בעשטראפען, אלץ מוז ביי אונז פארקומען אויפ'ן עהרליכען וועג.

און איך האלט אז מען דארף זיך פעראינטערעסירען צו וויסען וואס עס איז געווארען מיט אהרן פעלדמאן, וואו ער איז אהינגעקומען — האט געזאגט איינער פון די אנוועזענדע.

ריכטיג — האט געענטפערט דער פויבסט — עס קאן גאנץ מעגליך זיין אז ער לעבט וואו ערגיץ, אפשר איז ער געפאנגען.

און אפשר געפונט ער זיך טאקי אין איינעם פון די קלויסטערס? — האט געזאגט נונציוס יאהאן.

גאנץ מעגליך — האט געענטפערט דער פויבסט — איך האב איהם געזאגט אז איך האב בעשלאסען צו אונטערזוכען אלע קלויסטערס, און זיך בעקענען גענוי מיט אלעם וואס דארט קומט פאר, איך האב אלס נישט קיין צייט דערצו, אבער איצט וועל איך דאס מעהר נישט אבלעגען.

נאך דער דאזיגער בעראטונג האט דער נונציוס יאהאן זיך גענומען ענערגיש צום אויספארשען וואס איז פארגעקומען מיט פעלדמאנען, ווי אזוי ער איז מיט 5 יאהר צוריק אזוי געהיימניספול פערשוואונדען געווארען.

ער האט זיך געוואנדען צי די קארדינאלען און אנדערע הויכע פויבסטליכע בעאמטע וועלכע זענען געשטאנען ביי דער מאכט בעת דער הערשאפט פון פוריגען פויבסט, וויסענדיג אז זיי מוזען גענוי וויסען וואס מיט פעלדמאנען האט פאסירט, אבער פון די אלע האט ער קיין קלארע אנטווארט נישט געקאנט ארויסבעקומען, ער האט זאגאר געזעהען אז די זאך איז נישט גלאטיג, אז עס איז פארגעקומען א שרעקליכע זאך מיט דעם דאזיגען מאן, אבער קיין זיכערעס האט ער נישט געקאנט וויסען.

עס איז איהם נישט איינמאל געקומען אויפ'ן געדאנק, אז עס קען מעגליך זיין דאס פעלדמאן געפונט זיך פערשפארט אין איינעם פון די הונדערטער קאמערען אדער קעלערס וואס געפונען זיך אין די פיעלע קלויסטערס. אבער טראץ דעם האט ער זיך דאס נישט געוואלט צוגלויבען, האט ער פארט געבעטען דעם פויבסט, אז ער זאל זיך צו איילען מיט זיין אונטערזוכען די קלויסטערס, און אזוי ווו דער פויבסט איז נאך אלס געווען זעהר פערנומען מיט'ן איבערנעמען זיין הויכען אמט, האט ער אויסגעפועלט ביים פויבסט אז די מיסיע צו אונטערזוכען די קלויסטערס זאל איבערגעבען איהם, דעם נונציוס יאהאן מיט איינינגע פון זיינע בעסטע פריינד.

זיי זענען באלד צוגעטרעטען צו א ענערגישער אונטערזוכונג פון אלע געהיימע צימערען וואס האבען זיך געפונען אין די גרויסע קלויסטערס. זיי האבען זיך גענוי פעראינטעדעסירט מיט אלעם וואס דארט קומט פאר, און מיט די מענשען, וואס זענען דארט געווען געפאנגען צוליעב חטאים, פון וועלכע פיעל זענען דורך זיי, מיט דער פערשטענדיגונג פון פויבסט, בעפרייט געווארען, און טראץ דעם וואס די אויפגאבע איז געווען א זעהר שוועהרע, האבען זיי זיך נישט אבגעשטעלט און די ארבייט פארטגעזעצט.

די אונטערזוכונג האט געדויערט עטליכע טעג, און זיי האבען שוין געהאט געזוכט אין אלע קלויסטערס, מיט אלע זייערע געהיימע אונטערערדישע צימערען און אהרן פעלדמאן איז אלץ נישט געווען. עס איז זיי נאך געבליבען צום אדורכזעהען דעם טורם וואס געפונט זיך אין עק, נישט וויסענדיג זאגאר אויב דארט געפונט זיך עפיס א מענש. און דאס האבען זיי געזאלט טהון אין לעצטען טאג.

אין דעם דאזיגען טורם, ווי דער לעזער איז זיך געוויס משער, האט זיך געפונען אין דער הויך אויף א קליין בוידעם שטיבעל די געפאנגענע ראזא און אין אונטערערדישען קעלער, דער אומבעקאנטער געהיימניספולער געפאנגענער, וועמען זי פלעגט איבערשיקען עסען דורכ'ן וועכטער.—

(פארטז. קומט)

חנוכה.

(אקטועלע רעפלעקסען.)

חנוכה, דער יום-טוב, וועלכער איז געווידמעט א עפאכע פון אונזער שעהנער, הערואישער געשיכטע, דארף זיין נישט נאר א לייכטער, אמוזאנטער פערוויילונגס יום-טוב, נאר דעם אנדענקונגס-טאג דארף מען אויך ווידמען, בפרט ביים היינטיגען טאג, עטליכע מינוט אויף אביסעל ערנסטער בעטראכטונג, ישוב-הדעת און א קליינעם דין-וחשבון פון דער יודישער נשמה אין גלות.

די היינטיגע יודישע ווירקליכקייט, דאס לעבען פון דעם 16-מיליאניגען יודענטום איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון דער דיאספארא — איז נעמליך, היינט, איין גרויסע וועהטאגליכע טראגעדיע. זאל אונז דאס ריינע, זארגלאזע לעבען פון איינצעלנע יודען, דא אדער דארט, נישט שאפען די אילוזיע, אז די יודען לעבט זיך גוט, אויך, ווען מיר זעהען א געוויסען טייל יודען, אז עס לעבט זיך איהם שלעכט, הייסט עס נאכנישט, אז דעם רוב יודען געהט עס שלעכט. איבעריגענס, עס געהט וועגען עפיס אנדערש. מען טאר זיך נישט בלויז אריינקוקען אין דעם לויפענדען לעבען, מען מוז אויך א טראכט טהון וועגען דער צוקונפט. א פאלק איז אזוי ווי א איינצעלנער מענש, דארף האבען א ציעל אין לעבען, עס מוז טראכטען וועגען זיין צוקונפט, אנדערש וועגעטירט עס, פערלירט זיין אייגענארט— און מוז סוף-כל-סוף אונטערגעהן.

דער יום-טוב פון חנוכה איז א רעליגיעזער און צוגלייך א נאציאנאלער יום-טוב. אויסער דעם רעליגיעזען מאמענט, וועמענס אנדענקונג מיר פייערן היינט ביי די חנוכה-ליכטלעך, איז דאן אויך געווען א אונגעהויערער וויכטיגער מאמענט פון גרויסער נאציאנאלער בעדייטונג; א געדריקט פאלק, שטיקענדיג זיך אונטער'ן יאך פון פרעמדע הערשער, וועלכע האבען מיט געוואלד, מיט קראפט בערויבט זיין פרייהייט, האט זיך אין יענע אלטע צייטען אין יודישען לאנד, אנגעהויבען בונטעווען, וועלענדיג זיך בעפרייען פון דער פרעמדער, אויפגעצווינגענער הערשאפט! די יודישע מאסען האבען שוין דאמאלס, מיט אזויפיעל יאהרהונדערט צוריק, פערשטאנען, אז ווי לאנג עס געוועלטיגט אין דער וועלט די פיזישע קראפט, ווי לאנג מען קען און מען טהוט מיט'ן כח פון הארמאטען און טאנקסען צווינגען פעלקער צו אונטערטעניגקייט—וועט זיך ז'אס געדריקטע יודישע פאלק מיט אנ'אנדער כח אויסער פיזישען, נישט קענען בעפרייען. דאס האבען מיט פיעל הונדערטער יאהרען צוריק די יודען פערשטאנען— אויך זיי האבען ארגאניזירט יודיש מיליטער, וועלכעס איז געגאנגען מיט געזאנג אויף די ליפען און מיט א טיפער האפנונג אין הארצען, אין קאמף פאר רעכט און פרייהייט.

ווי ווייט מיר זאלען נישט זיין קיין געגנער פון מלחמה, דארפען מיר נישט טאדלען אט די דאזיגע טויזענדער יודישע מאסען פאר זייער בעוואפענטען אויפשטאנד. די דאזיגע יודען זענען, פערקעהרט, דער בעסטער און שענסטער עלעמענט פון יודישען פאלק, דער שטאלץ פון יודענטום, דער נאבעלסטער בעווייז, אז אין יודישען פאלק טליעט טיעף אין הארצען דער שטארקער ווילען צו דערלעבען א פרייע יודישע מלוכה, א אייגען לאנד, א אייגענעם באדען אונטער די פיס — א ווילען צו לעבען און אויסצובילדען זיך אלס פרייע יודען, אלס שטאלצע, ווירדיגע מענשען, אזוי ווי אלע אנדערע פעלקער אויף דער גארער וועלט. דעריבער פייערן מיר היינט און מיר דערמאהנען מיט עהרפורכט יענעם שטאלצען, אויפשטענדיגען יודישען אוואנגארד אין ארץ-ישראל.

אבער מיט'ן בלויזען דערמאנען די פערגאנגענע שעהנע צייטען מיט'ן בלויזען פייערן דעם אנדענק פון שטאלצע יודען אין דער פערגאנגענהייט — וועלען מיר קיין שטאלצע צוקונפט נישט דערלעבען! מיר זענען ביים היינטיגען טאג ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אלע זייטען. א ריזיגע כוואליע פון אנטיסעמיטיזם האט זיך אויפגעהויבען איבער דער גאנצער וועלט געגען דעם יודישען פאלק, גרויסע מאסען אריער, נישט-יודען, שלאגען די יודען—איינציג דערפאר, ווייל זיי האבען די חוצפה צו זיין יודען, דערפאר פערבלוטיגט מען גאסען און וואוינונגען מיט יודיש בלוט — און ווען מיר נעמען אין אכט אז די דאזיגע „העלדען", זענען אומעטום די אויפוואקסענדע יונגע עלעמענטען (אקאדעמיקער, שילער או"וו), די, וועלכע וועלען אין דער נאהנטער צוקונפט זיין די פיהרער פון די פעלקער און לענדער, וואו די יודען וואוינען —קענען מיר זיך קלאר פארשטעלען די יודישע צוקונפט אין גלות.

דאס הייסט אבער נישט, אז מיר דארפען מורא בעקומען, זיך אבשרעקען און רעזיגנירען פון אונזערע יודישע רעכט אין אלע גלות-לענדער פאר וועלכע מיר וועלען קעמפען מיט אלע כחות. אבער דאביי, ווען מיר פייערן היינט-צו-טאג דעם אנדענק פון מוטיגע, שטאלצע, ווירדיגע קעמפער פאר'ן יודישען פאלק! לאמיר זיך נעמען פון זיי א ביישפיעל, לאמיר נישט רעזיגנירען און אריינפאלען אין אפאטיע, נאר דרייסט, מיט האפנונג נעמען אונזער יודישען גורל אין די אייגענע הענד אריין, אויך אליין דעצידירען וועגען אונזער צוקונפט! לאמיר שאפען א שטאלצע יודישע יוגענד, וועלכע זאל העלפען צו אונזער צוקונפט אין ארץ-ישראל.

דאס יודישע פאלק אין גלות, גרויסע מאסען יודען אין פערשידענע לענדער ארבייטען היינט-צו-טאג ארום דעם ווידערויפבוי פון אלטען יודישען לאנד. צעהנדליגער טויזענדער יודיש יונגווארג טראגט שטאלץ דעם בלוי-ווייסען פאהן, וועלכער סימבאליזירט דעם רענעסאנס פון יודישען גלות-פאלק. אלע זיי האבען טריי געשוואוירען צו שאפען די יודישע מלוכה אין ארץ-ישראל —פאר דעם יודישען פאלק אין גלות.

עס בלייבט זיך נאר צו ווינשען, אז די צוקונפטיגע חנוכה אנדענקונגס-פייערונגען נאך די העלדישע יודישע אויפשטענדער, זאלען מיר פייערן אין גליקליכערע בעדינגונגען אין דעמזעלבען לאנד, וואו דער אויפשטאנד איז פארגעקומען.

וואַרשע **י. קראמאלאווסקי**

„טאז".

III

אבגעפערטיגט זיך ווי ס'איז מיט דער היגיעניש-מעדיצינישער הילף פאר'ן קינד אין שול-און פארשול-עלטער, האט מען געמוזט ווייטער געהן, אדער, ריכטיגער געזאגט, מאכען א שריט צוריק—צום זויג-קינד און איבערהויפט צום ערשטען מאמענט, ווען דאס נפש רייסט זיך אריין אין דעם עולם הזויים.

אבסערווירענדיג דאס געזונד-צושטאנד פון דער שול-יוגענד, האט מען בעמערקט, אז דאס קינד איז עפ"י רוב לכתחילה א שוואכליכעס, קראנקליכעס, ווייל די עלטערן האבען נישט געקאנט איהם פערזיכערען די געהעריגע פלעגע און ערציהונג אינ'ם זויג-עלטער און אינ'ם פעריאד צווישען דעם זויג-און פארשול-עלטער. נאך זעלטענער ווייסען די מוטערס ווי זיך נוהג צו זיין בעת דער שוואנגערשאפט.

אויסער דעם האט מען זיך געמוזט פערטראכטען איבער דער גרויסער שטערבליכקייט צווישען זויג-קינדער. אזוי צ. ב. איז סטאטיסטיש פעסטגעשטעלט געווארען, אז אויף 100 לעבעדיג-געבוירענע קינדער שטארבען, אין פוילען, אין ערשטען לעבענס-יאהר פון 18 ביז 20. פערגלייכענדיג די ציפער מיט דער שטערבליכקייט אין די ציוויליזירטע לענדער, מוזען מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אז אין פוילען איז אויפ'ן געביעט פון קינדער-פערזארגונג גארנישט געטהון געווארען. די שטערבליכקייט אין אנדערע לענדער דערגרייכט (אויף יעדע 100 לעבעדיג-געבוירענע) אין עסטרייך—14, דייטשלאנד 13, פראנקרייך און בעלגיען—11, אמעריקא—8, שווייץ און ענגלאנד—7, האלאנד און דענעמארק—6, נארוועגען—5 אזוו.

די דאזיגע אנאלאגיע האט געצוואונגען די רעגירונגס-קרייזען אין פוילען צו זוכען מיטלען געגען דעם, ווייל ס'איז דאך קלאר, אז מ'האט נישט צו טהון מיט א צופאל, נור אז די קלענערע פערהעלטניסמעסיגע שטערבליכקייט האבען די מערב-לענדער צו פערדאנקען די אנשטרענגונגען פון די רעגירונגען אין דער געזעלשאפט, וועלכע האבען נישט געשפארט קיין הוצאות אויף איינצוארדנען מאדערנע אנשטאלטען, אויף א ברייטערער אויפקלערונגס-ארבייט, ווי אויך דורך א געהעריגער געזעצליכער גאראנטירונג דעם קינד די נויטיגע מלוכה-שוץ. די רעגירונג און די קאמונאלע זעלבסטפערוואלטונגען האבען דעריבער דא און דארט איינגעארדענט מאדערנע קינדער-סטאציעס און קינדער-היימען.

ס'איז איבעריג, גלויב איך, מאריך צו זיין, בכדי אויפצווייזען, אז דאס יודישע קינד קען ווייניג וואס געניסען פון די אלע מלוכה'שע און זעלבסטפערוואלטונגס-אנשטאלטען. זיי יודישע עסקנים טהוען דאס זייעריגע: פאדערן גלייכבערעכטיגונג פאר'ן יודישען שטייער-צאהלער, וואס צאהלט דאפעלט פאר די אלגעמיינע (לעז: נישט-יודישע אינסטיטוציעס) און מוז שאפען פון אייגען געלד ספעציעל · יודישע. פראטעסטען בלייבען פראטעסטען און דערווייל— דערווייל קלאפט מען מיט דער פושקע און מ'בויט אייגענע קינדערהיימען און סטאציעס, וואס זאלען שיצען און נארמאליזירען דאס לעבען און ערציהונג פון יודישען קינד.

די דאזיגע אויפגאבען האט אויף זיך גענומען דער „טאז", וואס האט אין די יודישע שטעדט און שטעדטלעך אין פוילען פערלעגט א נעץ פון זויג-קינדער—און מוטער-סטאציעס, וואו די פרוי ווערט גענומען אונטער א מעדיציניש-געזעלשאפטליכער אויפזיכט באלד פון דער שוואנגערשאפט-צייט ביז דאס קינד ווערט אלט 2 אדער 3 יאהר, צי גאר ביז'ן פארשול-עלטער. מאנכע זויג-קינדער-סטאציעס, די מאטעריעל בעסער-סיטואירטע, בעזיצען אויך טראפען-מילך-פונקטען.

די מוטער און זויג-קינדער-סטאציעס פערנעהמען זיך נישט נור מיט סיסטעמאטישע פעריאדישע אונטערזוכונגען פונ'ם קינד און הויז-בעזוכען פון דער סטאציע · שוועסטער. פערשטעהט זיך, אז אויך די דאזיגע ארבייט איז זעהר וויכטיג און האט א קאלאסאלע בעדייטונג פאר דער ענטוויקלונג פון קינד. דער דאקטאר און די שוועסטער גיבען די מוטערס די נויטיגע היגיענישע אנווייזונגען וועגען דער קינדער-ערציהונג און דער ראציאנעלער פלעגע. אבער דאס איז נאך נישט אלץ. ס'געניגט נישט אויפצוקלערען דער מוטער, אז זי פלעגט שלעכט דאס קינד, אדער אז זי דערנעהרט איהם נישט ראציאנעל, צי גאר, אז דאס קינד איז קראנק און פאדערט א סיסטעמאטישע קוראציע. די קינדער-סטאציע מוז דינען פאר דעם קינד אלס א מין צווייטע היים, וואו דער דאקטאר און די שוועסטער בעמיהען זיך צו בעקענען די לעבענס- און ענטוויקלונגס-בעדינגונגען פון קינד און דער עיקר: זיי טהון אלץ, וואס איז אין זייער כח איהם—דעם קינד—צו ברענגען פראקטישע הילף.

די סטאציע שטעהט דעריבער אין א ענגען קאנטאקט מיט דעם קינד'ס סביבה.

ביים ארגאניזירען די דאזיגע ארבייט האט דער „טאז" אנגעטראפען אויף שוועריגקייטען, ספעציפיש-יודישע. די יודישע עלטערן מעלדען נישט זייערע קינדער באלד נאכ'ן געבורט, נור ערשט נאך א לאנגער צייט, נישט זעלטען ווערט דאס קינד געמאלדען, ווען דאס קינד דארף שוין נעהן אין שול און די מאכט פאדערט א געבורטס-מעטריקע. די נישט-רעגולערע איינמעלדונגען האבען בעשווערט דאס אויסזוכען די זויג-קינדער ספעציעל די ארימע, וועמען די אויפזיכט איז דורכאויס נויטיג.

די אונפונקטליכקייטען ביים מעלדען די געבורטס-און טויט-פאלען האבען אויך צונישט געמאכט די בעמיהונגען פון „טאז" פעסטצושטעלען די שטערבליכקייט צווישען יודישע קינדער אין ערשטען לעבענס-יאהר. עס איז דעריבער אנגענומען געווארען שריט, בכדי ביי דער מיטהילף פון די יודישע קהלות און רבנים צו נארמאליזירען דעם ענין.

אין אונזער שטאדט האט דער „טאז" געעפענט א זויג-קינדער-סטאציע דעם 4 דעצעמבער 1927.

א דאנק דער איבערגעבענער ארבייט פון דער לייטערין פר. דר. טש. ארלינסקא (שפירא) און דער שוועסטער פרל. ג. סאקאלאוויטש האט די סטאציע באלד אין די ערשטע טעג פון איהר עגזיסטענץ געוואונען די סימפאטיע און צוטרוי פון די מוטער. די פרעקווענץ פון מוטערס און קינדער וואקסט פון טאג צו טאג. פערשטעהט זיך אז דער רוב קינדער, פערשריבענע אין דער סטאציע, רעקרוטירען זיך פון צווישען די ארימע שיכטען, אבער ס'פעהלען אויך נישט מוטערס פון מיטעלשטאנד, ספעציעל יונגע נישט ערפאהרענע, וואס פערשרייבען זייערע קינדער, בכדי צו בעקומען די נויטיגע אנווייזונגען. פאר אט די לעצטע דיענט די סטאציע אלס א שול פאר ערציהונג און ראציאנעלער פלעגע פון זויג-קינדר. די פאפולאריטעט פון דער סטאציע צווישען די שיכטען איז שטארק געוואקסען אין לעצטען יאהר.

יעצט אייניגע ציפערן וועגען דער טעטיגקייט פון דער סטאציע: אין פערלויף פון די 4 יאהר ארבייט, זענען אנגענומען געווארען 1056 זויג-קינדער. אויסגעשריבען, צוליעב איבערשרייטונג פון עלטער (עלטער פון 2 יאהר) זענען געווארען 722. טויט-פאלען זענען נאטירט געווארען 55. מעדיצינישע עצות דורכ'ן דאקטאר ערטיילט געווארען 10462 פאלען, הויז-בעזוכען דורך דער שוועסטער 3132, פראקטישע הילף ווי: מילך, וועש, וואננעס א. ד. ג זענען געגעבען געווארען 192 ארימע קינדער. ביים היינטיגען טאג זענען רעגיסטרירט און געניסען פון שוץ פון דער סטאציע 16 שוואנגערע פרויען און 279 קינדער.

טראץ דעם שווערען פינאנסיעלען קריזיס, ווערען דורך דער „טאז" פערוואלטונג געמאכט אנשטרענגונגען צו ארגאניזירען א „טראפען מילך פונקט" אלס א זעהר וויכטיגער געהילפס-אנשטאלט פאר'ן זויג-קינד ביי דער סטאציע.

די רעאליזירונג פון דער אקציע איז אבהענגיג פון דער אפפערוויליגקייט פון דער געזעלשאפט.

א גרויסע בעדייטונג פאר דער ראציאנעלער אויפזיכט איבער'ן זויג-קינד האבען אויך די קווארץ-לעמפ-בעשטראהלונגען.

א גרויס ארט אין דער „טאז"-ארבייט פערנעהמט דער קאמף מיט דער טובערקולאזע. דער דאזיגער ארבייט איז כדאי צו ווירמען א ספעציעל ארטיקעל.

י. ראזינער.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

כ'ווייס נישט וועמען כ'דארף אויסדריקען א דאנק פאר דעם מאטעריאל, וואס ווערט מיר אונטערגעטראגען, וואָרום פאקטיש איז די וואך נישט געווען וואס „צו זעהען און צו הערען", דער הילפס-קאמיטעט איז אליין נעביך הילפסלאז און די קעשענעס פון די היגע בעלי-בתים זענען שטארק געפרוירען, אויך איז געפרוירען דאס גאנצע יודישע געזעלשאפטליכע לעבען.

מיטאמאל א באמבע. די קהלה איז דא, און נישט די נייע, נאר טאקי די אלטע קהלה מיט די ביינער, אלע אלטע בעקאנטע פנים'ער מיט זייערע מעלות און חסרונות. אויב אזוי האב איך א כשר'ע מציאה און וועל זיי טאקי צוטראגען אונזערע לעזער.

קודם-כל א שטיקעל

הקדמה

היות ווי די נייע קהלה-פערוואלטונג האט אין משך פון גאנצע 7 חדשים נישט בעוויזען זיך צו קאנסטיטואירען, איז זי נאך נישט אריין אין קראפט און היות, לויט דער פעראָרדנונג פון דער אויפזיכטס-מאכט דארף דער בודזשעט אויפ'ן קינפטיגען יאהר זיין פערטיג דעם 1 דעצעמבער, האט מען בעפוילען צו רופען א זיצונג פון דער אלטער פערוואלטונג, וועלכע האט אויסגעארבייט דעם בודזשעט און די אלטע פערוואלטונג האט ווידער גערופען דעם אלטען ראט כדי דעם בודזשעט צו בעשטעטיגען.

שהחיינו.

אזוי ווי אין דער פעראָרדנונג פון דער אויפזיכטס-מאכט איז געווען געמאלדען, אז ווער עס וועט נישט קומען צו דער זיצונג וועט בעשטראפט ווערען מיט 50 זהובים, זענען אלע ווי איינער געקומען אויף דער דאזיגער זיצונג, כדי לקיים את גזירות המלכות, נאר איינער פון די פרנסים, ווי עס ווייזט אויס וואלט אבער אהן דער דאזיגער דראהונג אויך געקומען, והראיה, אז ווי נאר ער האט איבערטרעטען די שוועל פון דער קהלה, האט ער, ר' מרדכי, געמאכט א שהחיינו און געלויבט השי"ת, וואס מיר האבען די זכיה כאטש נאך איינמאל איבערצוטרעטען די שוועלען פון דער הייליגער קהלה, אין וועלכער מיר זענען געזעסען אין משך פון 7 יאהר. אה, ווען עס געשעהט א נס און די נייע פערוואלטונג זאל זיך כאטש אזוי ארומקריגען נאך א יאהר, וואלטען מיר אפשר נאך געקענט האבען די זכיה צו מאכען דעם איבעראיאהריגען בודזשעט.

דאס אלטע בילד.

עס זעצען זיך אויס ארום דעם טיש די אלטע פרנסים, יעדער אויף זיין ארט, די אגודה-פראקציע לינקס, דאן די אונפארטייאישע, שפעטער די האנדווערקער, קליינהענדלער און צום סוף רעכטס ביים פרעזעס די אמאליגע מיוחס'דיגע פראקציע, די מזרחי.

ער האט געפעהלט.

ער, דער איינציגער פארשטעהער פון יודישען פראלעטאריאט, ר' רפאל, וועלכער איז אבגעפאהרען קיין פאריז און האט נישט געקענט אנטיילנעמען אין דער גרויסער און זעהר אינטערעסאנטער היסטארישער זיצונג. א שאד, דאס בילדעל וואלט ארויסגעקומען אביסעל פארביגער און וואלט זיך איינגעקריצט בעסער אין זכרון. און נישט קוקענדיג דערויף, וואס יעדעס מאל האבען די פראקציעס זיך מיט איהם מתוכח געווען האבען זיי דאך געבענקט נאך איהם און יעדער האט בעדויערט, וואס ער, ר' רפאל, פעהלט.

די נייע מתנה.

באלד ביים אנהויב לעזט מען דעם נייעם צירקולאר, וואס די מאכט האט צוגעשיקט וועגען דער קאמפעטענץ פון די קהלות און הערענדיג דאס לעזען האט מען בעקומען דעם איינדרוק, אז דאס גאנצע קהלה · וועזען איז נישט מעהר ווי א פאראדיע פון דער אויטאנאמיע, אזוי ווי די דאזערעס וואלטען געווען מאנעקינען און דארפען נאר צו שאקלען מיט די קעפלעך דאמאלס, ווען דאס אנגעדרעהטע מאשינדעל הייסט זיי עס טהון.

אויף דעם האט זיך געלוינט, האב איך זיך געטראכט, דער גאנצער קאמף וועגען דער העגעמאניע אין דער קהלה, צו וואס? אז גארנישט מעגסטו און דאס וואס דו מעגסט טארסטו אויך נישט. יא, נישט שייך צו זאגען, א גאר וואזשנע מתנה האבען מיר בעקומען.

די גענעראל-שלאכט.

פרעזעס גאלדשטיין רעפערירט דעם בודזשעט. אייגענטליך האט זיך דער דאזיגער בודזשעט · רעפעראט אונטערשיידעט פון אלע בודזשעטען פון די אנדערע יאהרען, ווארום דא האט מען נישט גערעדט וועגען אייגענטליכען בודזשעט, ווייל אייגענטליך דארף מען רעדוצירען, נאר היות ווי מיר, די אלטע פערוואלטונג, ווילען נישט נעמען אויף זיך די פעראנטווארטליכקייט האבען מיר געווארפען דאס פעקיל אייך דעם ראט, אין קאפ אריין. איהר זענט דאך עפיס--רופט אויס דער פרעזעס מיט פאטאס--דער העכסטער אינסטאנץ (הייטערע שטימונג צווישען די פרנסים) און איהר דארפט בעשטימען די רעדוקציע.

באלד האט זיך אנגעהויבען די גענעראל-שלאכט, דער פרעזעס האט רעפערירט וועגען דעם, אז עס איז אבגענארטע האפנונגען, די אינסטיטוציעס, וועלכע מיינען, אז זיי וועלען בעקומען סובסידיעס פון דער קהלה און אויף דעם בויען זייערע בודזשעטען,

נס חנוכה אין קאַצק.

חסידישע ערצעהלונג פון מאיר הערץ.

ס'איז געווען נאָך אין תחילת, בעת דער „קאַצקער" ז"ל האָט אָנגעהויבען צו „פיהרען".

דער עולם, וואָס איז פריהער געפאָהרען צום רבי'ן ר' בונם האָט זיך צוטיילט אין כיתות, צווישען וועלכע ס'האָט בעזונדערס אַרויסגעשטראַהלט די ליכטיגע געשטאַלט פון ר' מענדיל קאַצקער, אין וועלכען ס'האָבען זיך מחבר געווען די שאַרפע יונגעלייט, די פאַרגעהער פון רבין ר' בונמ'ס חסידים.

אויפ'ן ערשטען חנוכה האָבען זיך אַוועקגעלאָזט מחנות חסידים, רייכע זענען אין וועגענס געפאָהרען, אָרימע זענען געגאַנגען צו פוס, אַזוי, אַז דער שאָסע ביז קאַצק איז פול געווען.

די קאַצקער וועלדער, וואָס זענען אַ גאַנצען ווינטער פאַרזינקען געווען אין אַ ווייסען שנייאיגען דרימעל האָבען זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט און אַ ציטער געטהון, דער פוכיג-ווייסער וואַלד-רוקען האָט ראַפּטום דערפיהלט טיעפע טריט פון מענשליכע פיס.

האָט זיך איבערגעשראָקען פון די געשרייען, וואָס האָבען זיך געטראָגען פון פאַרשיעדענע עקען. די וועגען זענען מיט אַ טיעפען שניי פאַרשיט געווען האָט מען זיך געגעבען סמנים לויט די קולות, נישטפאַרבלאָנדזשעט צו ווערען.

דאָס התלהבות פון פאָהרען קיין קאַצק איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז מען האָט גאַרנישט געקוקט אויף די קלאַנגען, אַז דאָ און דאָרט זענען מחנות אויפגעשטאַנען און אַז אין די פוילישע וועלדער איז גאַרנישט היימליך, און כאָטש מ'האָט דערצעהלט, אַז אויף די וועגען קומען פאָר שלעגערייען צווישען די רוסישע קאָזאַקען מיט פּאָווסטאַנצעס, דאָך האָט מען זיך איינגעשטעלט, ווייל דער אויפשטאַנד איז נאָך נישט אַזוי ווייט פאַרשאַרפט געווען און דער עיקר האָט מען געגלויבט אַז אין זכות פון קאַצקער, וועט חלילה קיינעם קיין שלעכטס נישט געשעהן.

האָט מען אין קאַצקער שטיבעל אַ נאַכט פאַר חנוכה געמאַכט אַ וויעטשערע.

קעסט-יונגע-לייט האָבען זייער עסען פון שטוב געבראַכט צו טראָגען און אַלע האָבען געגעסען בחברותא. מ'האָט גענומען אייף קוראַזש צו ביסלעך בראַנפען על פי נוסח קאַצק — איז מען אַריין אין התפעלות און מ'האָט געטאַנצט ביז טאָג.

אַז די העהנער האָבען אָנגעהויבען צו קרייען אויף טאָג און פון דרויסען האָט דורך די פאַרפרוירענע שויב דורכגעזילבערט אַ דינער פאָדים פון פריהמאָרגען-העלקייט, האָט סענדער מח, איינער פון די שאַרפסטע, אָבגעשטעלט דעם ריקוד און אַ געשריי געגעבען!

— גענוג! ס'איז שוין טאָג, מ'דאַרף געהען קיין קאַצק!

האָט דער עולם געבענשט, זיך אַוועקגעלאָזט צו פוס אַפילו זיך נישט געזעגענט מיט ווייב און קינדער.

זיי זענען אַרויס פון שטעדטעל און אַרויף אויפ'ן שליאַך, האָט זיך געמאַכט פלוצלינג אַ זאַווערוכע, וואָס האָט זיך געדרעהט אין אַ זיג-זאַג מיט אַזאַ וואַיעריי און אימפּעט, און מיניה וביה איז דער גאַנצער שליאַך פאַרשאָטען געוואָרען, זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט די אַרומיגע פאַרשאָטענע פעלדער, אַזוי אַז עס האָט זיך נישט קיין איין שטעגעלע אַרויסגעזעהען און די חסידים האָבען נישט געוואוסט, אין וועלכער זייט זיך צו לאָזען, צי אויף רעכטס צי אויף לינקס.

די זאַווערוכע איז שטאַרקער געוואָרען פון מינוט צו מינוט, אַפילו צוריקגעהן אין שטעדטעל אַריין האָט מען שוין מעהר נישט געוואוסט דורך וואַנען, אַזוי הויך פאַרשיט זענען געווען די וועגען.

די יונגע חסידים האָבען זיך גאָר נישט אָבגעשראָקען און סענדער האָט אַלע אונטערגעגעבען מוט, טענה'דיג אַז דאָס איז דעם שטנ'ס אַרבייט, וואָס פאַרגינט נישט זיי צוגעהען אָנקוקען דעם קאַצקער, האָט זיך דער עולם געמוטיגט און געשטעלט פיס.

זיי זענען געגאַנגען וואַלד-איין, וואַלד אויס און וואָס מעהר זיי זענען געגאַנגען, אַלץ מעהר האָבען זיי פאַרבלאָנדזשעט. עס האָט אָנגעהויבען טונקעל ווערען.

אַז דער עולם האָט געזעהען, דאָס קיין קאַצק איז נאָך העט-ווייט, האָט מען זיך אַוועקגעשטעלט, געלעגט די טליתים און גענומען דאַווענען, האָט דער עולם געשטורעמט, די זאַווערוכע האָט געפייפט ווי מיט טויזענד קולות און די ביימער האָבען זיך געבראָכען און מיטגעשאָקעלט זיך מיט די חסידים.

פון די ווייסע ברעגען הימלען איז דערווייל אַרויסגעשוואומען אַ פאַרחלומ'טער בלאַסק בין השמשות, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין טיעפען וואַלד אַריין מיט אַ טיעפער פאַרטראַכטקייט.

פון ווייטענ'ס איז אויסגעגאַנגען אַ קיילעכדיגע זילבערנע לבנה, וואָס האָט זיך אָבגעשלאָגען אויפ'ן שניי ווי אַ בלאַהער פריהמאָרגען און מ'האָט געמיינט, אַז עס איז אַ לאַנגער פאַרטאָגס.

פלוצלינג האָט דעם וואַלד-שטורם דורכגעריסען אַ לאַנג אויסגעצויגענער „סטאַי!" וואָס האָט אָנגעקלינגען ווי אַ הוילע עכאָ איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון וואַלד.

דער עולם חסידים האָט אַ צאַפּעל-אויף געטהון זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען, אָבער קיינעם נישט געזעהען, אָנגעשטרענגט די אויערען, אפשר געהט עמיצער, אָדער עס רייט ווער, אָבער גאַרנישט געהערט.

די טריט זענען איינגעשלונגען געוואָרען אין ווייסען שניי.

מיט אַמאָל, אָבער גאַנץ אומגעריכט האָט זיך אַ'בעוויז געטהון אַ מחנה קאָזאַקען, רייטענדיג אויף פערד, איינגעוויקעלט אין לאַנגע „קורטקעס" מיט הויכע פוטערנע היטלעך. אין די הענד האָבען זיי געהאַלטען לאַנגע פּיקעס.

עס האָט אויסגעזעהען ווי זיי וואָלטען פון דער ערד אויסגעוואַקסען און אַ געשריי געטהון:

— וואָט זדיעס פּאָווסטאַנצי!

די קאָזאַקען האָבען די חסידים אַרעסטירט און אַוועקגעפיהרט אין דערבייאיגען דאָרף צום קאָמאַנדיר, וועלכער האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ פינסטערער קאַמער אַרומגעשלאָסען מיט אייזערנע קראַטעס און אַרום האַלבער נאַכט, ווען דער גענעראַל איז געקומען האָט מען די חסידים אַריינגערופען און זיי קורץ אָבגעפסק'ענט צו הענגען.

פאַרטאָג האָט מען שוין געזאָלט מקיים פסק זיין.

האָבען די חסידים אַ גאַנצע נאַכט געוויינט אין תפיסה, וידוי געזאָגט און מתפלל געווען אין דער טיעפער פינסטערער קאַמער.

— — — — — — —

דער קאַצקער האָט דאָס אַלעס מרגיש געווען און געזעהען מיט זיין ווייטען בליק. פאַרנאַכט, בעת אין בית מדרש'ל איז פול געפּאַקט געווען פון אָנגעפאָהרענע חסידים און דאָס חנוכה-לעמפּעל איז שוין געשטאַנען צוגעגרייט אויפ'ן פענסטער ביים „מזרח" און אַלץ האָט געוואַרט מיט האַרץ-קלאַפּעניש, אַז דער קאַצקער זאָל זיך בעווייזען...

און אַז דער קאַצקער האָט זיך ענדליך אַריינגעשאַרט, געמאַכט די ברכות און געזאָלט אָנצינדען דאָס ערשטע ליכטעל, האָט עס זיך פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אָנצינדען. איז ער געשטאַנען איינגעבויגען אַ צייט לאַנג און דאָס קנייטעל האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אָננעהמען מיט קיין פייער פון משמש-ליכטעל.

ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דער קאַצקער שטעהט און ראַנגעלט זיך מיט עמיצען.

און אַז דאָס קנייטעל האָט זיך לסוף נאָך אַ שווערער מלחמה אָנגעצונדען, איז דאָס קנייטעל ווייטער אויסגעגאַנגען, פּונקט ווי ס'וואָלט עמיצער ביי דער זייט געשטאַנען און געלאָשען. האָט דער קאַצקער זיך אַ גלייך אויס געטהון און אַ קנאַק געטהון מיט די פינגער אויסרופענדיג: כ'ווייס שוין! — און איז נעלם געוואָרען אין זיין אַלקעריל.

דער עולם איז געבליבען צוטומעלט און אַ שרעקענדיגע שטילשווייגעניש און אַ פחד האָט זיך איבער'ן בית מדרש אויסגעשפּרייט.

דער קאַצקער איז דערווייל אַרויס דורך אַ צווייטער טיהר, פאַרקליידעט ווי אַ פויער און זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַלד אַריין, ביז ער איז אָנגעקומען אין יענעם דאָרף, וואו זיינע חסידים זענען געווען אַרעסטירט.

דער קאַצקער האָט זיך דערנעהנטערט צו דער קאַמער, וואו ס'זענען געשטאַנען קאָזאַקען מיט בלויזע בלאַנקענדיגע שווערדען, האָט ער אויף זיי געוואָרפען פייערדיגע בליקען:

זיינע לאַנגע האַריגע ברעמען האָבען זיך געהויבען אין אַ מורא'דיגער שנעלקייט, פון אונטער וועלכע ס'זענען געפלויגען שוואַרץ-אַפּעלדיגע פינקען, וואָס האָבען די קאָזאַקען דורכגעדרונגען, זיי פאַרשיכור'ט און איינגעשלעפערט, זענען די קאָזאַקען אַנידערגעפאַלען און טיעף איינגעשלאָפען ווי אַ היהנער פלעט.

דער קאַצקער איז צוגעגאַנגען נאָך נעהנטער און פון זיינס אַ בלויזען ריהר האָט זיך די אייזערנע טיהר אויפגעמאַכט און אַז ער איז אַריבער די שוועל, האָט ער דערזעהן ווי זיינע חסידים וויינען און קלאָגען, וואַלגערען זיך אויף דער ערד און זאָגען וידוי, איז דער קאַצקער שטאַרק גערירט געוואָרען, האָט ער זיך אַ צעקנאַפּעל געטהון זיין לאַנגע פויערישע סוקמאַנע און זיך בעוויזען אין זיין ברייטען לאַנגען טלית קטן.

האָבען די חסידים דערקענט זייער רבי'ן, זענען זיי אויפגעציטערט געוואָרען און אויסגעשריגען אין איין אָטעם:

— רבי, ווי אַזוי? רבי ווי אַזוי זענט איהר דאָ אַריין?

דער קאַצקער האָט צוגעלעגט דעם פינגער צום מויל און אויסגעשעפּטשעט שטיל: שאַט רעדט גאַרנישט, נור קומט מיט מיר.

זענען זיי אַרויס און געלאָפען איבער וועלדער און פעלדער, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין קאַצק און דאָרטען געצונדען חנוכה-ליכט און דער גאַנצער עולם חסידים האָט פאַר שמחה פון דעם גרויסען נס געטאַנצט גאַנצע אכט טאָג חנוכה.

פעליעטאָן.

די יובילעאום פייערונג פון בית"ר.

זונטאַג, דעם 22 פ. ח. איז אין וויעלון פאָרגעקומען די צוויי-יעהריגע יובילעאום-פייערונג פון „בית"ר". די פייערונג איז פאָרגעקומען מיט פאָלגענדען סדר-היום:

שוין 8 אַ זייגער אינדערפריה זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרען עהרען-וואַכען פאַר דער אויטאָבוסען-סטאַציע און אין לאָקאַל פון בית"ר. די עהרען-וואַכען האָבען מוסטערהאַפט אויפגענומען די אָנגעקומענע געסט און דעלעגאַציעס פון דער גאַנצער אומגעגענד, ווי צ. ב. לאָדז, פאַביאַניץ, קאַליש, ראַדאָמסק, טשענסטאָכאָוו, סאָסנאָוויץ, וואַרשאַ, לוטאָווו א"א.

עס האָט זיך בכלל געלאָזט פיהלען אַ מונטערע שטימונג צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין שטאָדט, פון וועלכען דער בית"ר געפונט אַ אויסדרוק פון פערעהרונג און סימפּאַטיע.

1.45 האָט געזאָלט פאָרקומען אַ דעפילאַדע איבער דער שטאָדט פון לערך 200 צוזאַמענגעפאָהרענע געסט, אָבער צוליעב געוויסע סבות איז עס נישט פאָרגעקומען.

4 אַ זייגער האָט אָבגענומען דעם ראַפּאָרט אין זאַל „אַכראַנאַ" דער אח פון נציב העליון, יוסף קלאַרמאַן פון סאָסנאָוויץ, אין דער אַסיסטענץ פון ראש-הגליל פון לאָדז, אח אינזשיניער לובינסקי.

8 אַ זייגער הויבט זיך אָן די אַקאַדעמיע אַלס דער קולמינאַציאָנס-פונקט פון דער פייערונג. דער זאַל איז זעהר שעהן דעקאָרירט. אויפ'ן פאָדיום פאַרנעמען פּלעצער די דעלעגאַטען, דער אָרקעסטער שפּיעלט דעם פוילישען און יודישען הימן. דאַן גיט אַ קורצען איבערבליק איבער דער עקזיסטענץ פון בית"ר דער מפקד-הקן אח קושעפּיצקי און ער גיט איבער דעם פּאַרזיץ דעם מיטגליד פון פּאַטראָנאַט יונג און דאַן קומען פאָר בעגריסונגען, צווישען אַנדערע אויך פון טשענסטאָכאָוו: אָפּמאַן פון בית"ר און פּאַטאַשעוויטש — ברית הצה"ר.

נאָך די בעגריסונגען האַלט אַ זעהר געלונגענעם רעפעראַט דער ראש-הגליל, אח פון נציב העליון יוסף קלאַרמאַן פון סאָסנאָוויץ. מיט דעם ענדיגט זיך דער ערשטער טייל פון דער אַקאַדעמיע.

דער צווייטער טייל פון דער אַקאַדעמיע טראָגט אַ אַרטיסטישען כאַראַקטער, אין וועלכען עס ווערט אויסגעפיהרט אַ רייהע זעהר געלונגענע נומערען פון דראַמאַטישען קרייז ביים בית"ר דערנאָך ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער אָנפיהרונג פון אחות פ. זעלקאָוויטש עטליכע ריטמישע נומערען. עטליכע נומערען פון כאָר און דער צווייטער טייל ווערט געענדיגט.

אין דריטען טייל קומט פאָר אַ ראַוט, אַלע ווייל[ען] זיך זעהר גוט און די פייערונג ענדיגט זיך 6 אַ זייגער פריה.

ה. פ.

דערווייל ווייזט זיך אַרויס, אַז די קהלה צאָהלט נישט אויס און ממילא ווערען די האָפנונגען אָבגענאַרט.

ר. פאָגעל וויל וויסען צי מען געהט מאַכען אַ בודזשעט, אָדער מען בעטראַכט נאָר דעם בודזשעט, וואָרום ער האָט נאָכנישט געהערט פון דער פאַרוואַלטונג, צי זי האָט צוגעגרייט דעם בודזשעט און עס האָט נישט געהאָלפען דאָס, וואָס ר' שמואל האָט זיך כסדר פאַרענטפערט, אַז ער גיט דאָס איבער דעם ראָאַט. ער, ר' מענדיל, האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע, אַז ער וויל וויסען, וואָס די פאַרוואַלטונג זאָגט.

ר' ישראל מענדיל האַלט זיין עקספּאָזע (שטעהעדיגערהייט) און רעדט וועגען בודזשעטען און קהלות, וועגען גזירת-המלכות און מאַנעקינען, רעדוקציע און שחיטה, און דער עיקר איז ער געבליבען ביי דעם, אַז מען דאַרף און מען מוז בעשטעטיגען דעם בודזשעט, אויסער, אַז אַלע וועלען מסכים זיין צו בעצאָהלען צו 50 זל. שטראָף.

ר' אברהם העניך האָט געהאַלטען אַ חריפות'דיג פשט'ל און געקומען אויך צו דערמזעלבען, אַז מען מוז מאַכען רעדוקציע.

ר' איטשע מאיר מאַכט אַ פשרה, אַ סוף זאָל עס נעמען, מען האָט איהם רעדוצירט, זאָל מען דאָ אויך רעדוצירען.

חבר אברהם זאָגט (מיט אַ באַס-שטימע) אַז זיי וועלען שטימען געגען בודזשעט דערפאַר, ווייל מען האָט געשטראַכען די פּאָזיציע, וואָס איז געווען בעשטימט פאַר די האַנדווערקער-קורסען.

ר' חיים פרעגט דורכגעטראַכטע קשיות הלמאי דאָס, הלמאי יענץ.

ר' משה איז שטאַרק אויפגערעגט געגען די קאָמיסיעס. דאָס, זאָגט ער, איז אַ מכה שלא כתובה, ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט קאָמיסיעס אויף אַלעם. בין איך מסכים, שרייט אויס ר' משה מיט אַ דריש-ניגון, נאָר קיין קאָמיסיעס דאַרף מען נישט, וואָרום ווי זאָגט דאָרט דער פּסוק, שמר לי ואשמר לך...

ר' מרדכי האַלט אין איין זאָגען אַ תפלה בלחש, אַז ער וואָלט געוואָלט כאָטש מיט זעקס יאָהר יונגער ווערען.

ר' דוד יצחק נעמט אויך דאָס וואָרט (וואָס ער האָט גערעדט האָב איך נישט געהערט, מחמת איך בין געזעסען אַביסעל צו-ווייט).

אַזוי רעדען אַלע, וואָרום ווער ווייסט צי זיי וועלען נאָך די זכיה האָבען צו רעדען ביים בודזשעט און מען רעדט אַזוי לאַנג ביז מען הויבט אָן צו רעדען וועגען דער

שחיטה

דאָס איז דער הויפּט - פּונקט אַרום וועלכען עס דרעהט זיך דער קהלה-אַקס, איבערהויפּט ווערען אַלע (אַלטע) דאַזאָרעס אויפגעלעבט, ווען מען נעמט די שליטה אויפ'ן טיש אַרויף.

אויך דאַסמאָל האָט די שחיטה פאַרנומען דעם אויבען-אָן און מען האָט צו איהר געזונגען „אַדעס", וואָרום פאַרגעסט נישט, אַז די שחיטה האָט הייאָהר געבראַכט אַ גרויסע סומע כסף און אויב אַזוי איז דאָס די איינציגע הכנסה-קוועלע האָט מען זי גענומען אויפ'ן טיש אַרויף און באַלד האָט זיך בעוויזען אויפ'ן טיש (אין דער פאַנטאַזיע געוועהנליך) גענז מיט אינדיקעס, קורטשאַקעס און טויבען, אַז די סלינע איז געריגען איבער'ן מויל און גלייכצייטיג האָט מען אַריינגעצימבעלט די שוחטים, ביז, ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז דער זייגער איז שוין ווייט שפּעט אין דער נאַכט און מען האָט בעשלאָסען בהסכם כולם, איך שטרייך אונטער, מיט אַלעמענס הסכמה, אַז מען אַקצעפּטירט און מען גיט דעם פולען צוטרוי דער פאַרוואַלטונג, וועלכע זאָל שוין אַליין דאָרט מאַכען ווי זי וועט פאַרשטעהן און אַלע וועלען צופרידען זיין.

דער מוסר-השכל.

צו וואָס אייגענטליך האָב איך אייך דאָס ז'ערצעהלט? כדי איהר זאָלט זעהען דעם אונטערשיעד צווישען דער אַלטער קהלה מיט די אַלטע דאַזאָרעס אַקעגען דער נייער קהלה מיט איהרע נייע דאַזאָרעס. אין דער אַלטער קהלה זענען טאַקי געווען פאַרטרעטען פאַרטייען מיט פראַקציעס, אָבער דאָס זענען מענשען, וואָס ווייסען שוין די חשיבות פון דער קהלה און איבערהויפּט זענען זיי נישט קיין אנשי ריב, האָבען זיי דעם בודזשעט געקענט פאַרטיג מאַכען אין איין אויפדערנאַכט.

אמת, מען האָט זיך געקריגט, גערעדט, אָבער ווען עס קומט צום עיקר שטימען אַלע אָב אויף איין פאָרשלאַג. אין דער נייער קהלה אָבער מיט איהרע אויסגעשפּראָכענע פאַרטיי - לידער, מיט די דאָקטוירים און ראַפינירטע פאַרטייקאָכלעפּעל קומען נאָר פאָר מחלוקות, אינטריגעס און פלאַטקעס. און שטעלט אייך פאָר, אַז צוליעב אַ פּרעזעס רייסט מען זיך אַרום גאַנצע 7 חדשים, וואָס וועט ערשט זיין ווען מען וועט האַלטען ביים בודזשעט.

אָט דאָס מיינע פריינד איז דער חילוק.

וואָס? די אַלטע דאָזאָרעס האָבען אייך נישט געטויגט, בטלנים, מושב-זקנים, האָט איהר זיי גערופען, אייך האָט זיך פאַרגלוסט נייע, פריש בלוט, האָט איהר געטענה'ט, טאָ נאָט אייך און זעהט די רעזולטאַטען.

יאָ, חבל על דאבדין...

עד כאן וועגען דער קהלה, איצט וועגען אַנדערע קלייניגקייטען.

אוי, האָט ער געדאַווענט.

איטשעלע טילעס איז דער נאָמען פון דעם יונגטטען חזן, וואָס מיר האָבען געהערט. איז אָט דאָס חזנד'ל געקומען קיין טשענסטאָכאָוו אונז מהנה זיין מיט נגינה, האָט זיך אָבער נישט געפונען קיין שוהל, וואָס זאָל איהם ערלויבען דאָרט צו דאַווענען עד שבא, ביז עס איז געקומען די אהל-יעקב שוהל און האָט איהם איינגעלאַדען צו דאַווענען אַ קבלת שבת.

קיין גרויסער עולם איז נישט געקומען (עס האָט געקאָסט 50 גראָשען איינגאַנג), כאָטש שפּעטער האָט זיך אַריינבעקומען אַ עולם, וואָס האָט געהאָט אַנ'אויסרייד, אַז עס איז שוין שבת טאָר מען נישט צאָהלען, נאָר נישט דאָס בין איך אויסען. דער עיקר איז, אַז דאָס חזנד'ל האָט הערליך שעהן געדאַווענט, מיט האַרץ און געפיהל און בעגייסטערט דעם עולם. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, פאַרוואָס מען האָט דעם פענאָמענאַלען חזנד'ל נישט געגעבען די מעגליכקייט צו זינגען אין אַ גרויסער שוהל, זיי וואָלטען באמת הנאה געהאַט.

ער טיילט שוין

קריזיס-געליטענע, פּרנסה'לאָזע, הילפּסלאָזע, רופט זיי ווי איהר ווילט, אָבער אַ פאַקט איז, אַז אַ גרויסער טייל פון יודען אין אונזער שטאָדט הונגערן און פריהרען פון קעלט און דער גרויסער הילפס-קאָמיטעט מיט זייערע פיעל פּרעזעסן און קאָמיסיעס קענען דערווייל גאַרנישט העלפען.

טאָ פרעגט זיך וואָס וועט ווייטער זיין? ווען וועט מען ענדליך שוין טיילען? איז דער תירוץ, אַז מען טיילט שוין. ווייסט איהר ווער? ער, ר' עמנואל'קע בערשטען-מאַכער. ער טיילט יעדען שבת אָוונד אַ פּאָר פוד חלות, אייער וכדומה. אמת, עס זענען דאָרט נישט פאַרהאַן קיין קאָמיסיעס, אָבער אַ שטיקעל ברויט בעקומט דער אָרימאַן.

יאָ, עמנואל'קע טיילט שוין,

לויתן

דער גראנדיעזער קאנצערט פון דער „לירא".

מאנטאג, דעם 10 ליסטאפאד איז אין פול-געפאקטען זאל פון „גראנד-קינא" פארגעקומען דער גראנדיעזער קאנצערט פון דער „לירא". עס זענען גלענצענד אויסגעפיהרט געווארען די שווערסטע מוזיקאלישע שאפונגען, ווי „דער פרייער שיסער" פון וועבער, די סימפאנישע פאעמע [פון סאנט - סענס „וואלפורג-נאכט פון מענדעלזאהן א. א.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכען, אז בעזונדער פראכטפול איז אויסגעפאלען די „וואלפורגס-נאכט", וואס האט געמאכט אנ'אונגעהויערען רושם אויפ'ן נאנצען פובליקום.

זעהר געלונגען האבען אויסגעפיהרט די סאלא-טענארען: עדעליסט און אבערמאן. ה' גראבינער האט בעצויבערט אלע צוהערער מיט זיין הערליכער באס-שטימע. בכלל איז דער קאנצערט געווען זעהר אימפאזאנט.

צום סוף איז כדאי צו בעמערקען אז דעם גרעסטען דאנק קומט דעם אונערמידליכען, טאלאנטפולען דיריזשאר י. זאקס.

ביי דער געלעגענהייט וואלט נישט געשאדט אויפמערקזאם צו מאכען, אז מען זאל אייך ארייננעהמען אין רעפערטואר פון די נעכסטע קאנצערטען אויך יודישע פאלקס-מוזיק.

די מלבושים - פערטיילונג פון „עזרה".

פון היגען פרויען פעראיין-פעראיין „עזרה" בעט מען אונז מיטצוטיילען, אז אין די טעג פון 18 — 25 פ. ח. האט די פערוואלטונג פערטיילט אין אייגענעם לאקאל צווישען פיעל בכבוד'ע אבגעקומענע פאמיליעס, די געזאמעלטע וועש און מלבושים. נאך חנוכה וועלען געזאמעלט ווערען די איבריגע קליידונג און וועש וואס פערשידענע היגע בעלי-בתים האבען צוגעזאגט צו שפענדען פאר דעם צוועק.

מיר אפעלירען צו די היגע ג' מנדבים וואס פערשטעהען די גרויסע נויטווענדיגקייט פון אונזער אקציע און וועלען זיך אין דעם בעטייליגען, אז זיי זאלען זיך בעמיהען ווי ווייט מעגליך צו געבען גאנצע נישט צוריסענע מלבושים, פון וועלכע מיר זאלען קאנען האבען דעם נויטיגען נוצען.

די פערוואלטונג דריקט אויס איהר איניגסטען דאנק אלע ג' מגדבים, צווישען זיי דעם ה' קעמפנער (אלעע 7) פאר זיין ברייטע גאבע פון 3 נייע דאמען-מאנטלען. זאל עס דיענען אלס מוסטער פאר אנדערע וועלכע זאלען זיך פון איהם א ביישפיעל ארא בנעמען.

די ענדגילטיגע רעזולטאטען פון דער קליידער אקציע, וועט נאכ'ן פערענדיגען פון דער אקציע געגוי בעריכטיגט ווערען.

פון הילפס-קאמיטעט פאר קריזיס-געליטענע יודען.

ווי מען טיילט אונז מיט ווערט די הילפס - אקציע געפיהרט זעהר אינטענסיוו. אזוי, למשל, האט דער הילפס-קאמיטעט צוטיילט די שטאדט אויף ראיאנען און יעדען ראיאן אויף גאסען, וואו ספעציעלע שליחים, וועלען בצוזכען די יודישע בעפעלקערונג. אויך איז אין יעדען הויז פערהאנען א פערטרויאונגס-מאן, וואס דארף מיטהעלפען די שליחים פון קאמיטעט אין זייערע אויפגאבען.

אויך ווערט אין די בתי-מדרשים פונאנדערגעשיקט אויפרופען צו די מתפללים צו שטיצען די הילפסלאזע.

יענע וואך איז צוטיילט געווארען א וואגאן קארטאפעל פון וועלכע עס האבען גענאסען ביז 200 פערזאן די צווייטע וואך וועט צוטיילט ווערען נאך א וואגאן קארטאפעל, ווי אויך 2 וואגאן קויהלען פון וועלכע איין וואגאן קויהלען איז בעקומען געווארען פון שטאדטישען הילפס-קאמיטעט און דער צווייטער וואגאן — האט נעקויפט דער יודישער חילפס - קאמיטעט. די קויהלען וועלען צוטיילט ווערען אין דער האנדווערקער-שולע.

איילט אונטערצושרייבען דעקלאראציעס פאר דעם יודישען הילפ'ס קאמיטעט אין טשענסטאכאוו!

מיטוואך, דעם 9 דעצעמבער בעת דער פאלקס-צעהלונג מוז יעדער יוד אנגעבען העברעאיש אדער יודיש אלס זיין מוטער-שפראך!

איטשעלע טילעס אין „אהל יעקב".

דער בעריהמטער 12-יעהרינער קינדחזן איטשעלע טילעס ווערט אויך היינט אווענד צו קבלת-שבת און מארגען שבת אין דער פריה דאווגען אין דער שוהל „אהל יעקב" אלעע 4.

זיין קבלת-שבת פון פויריגע וואך האט ארויסגערופען א געוואלדיגע פעראינטערעסירונג צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג און אלע גרייטען זיך צו הערען דעם יונגען יודישען חזן, וועמען עס שטעהט פאר א א גלענצענדע צוקונפט.

רעליגיעזער חנוכה-קאנצערט.

קומענדען זונטאג, דעם צווייטען טאג חנוכה, ווערט איינגעארדענט אין דער שטאדט-שוהל א זעהר אינטערעסאנטער רעליגיעזער קאנצערט מיט'ן אנטייל פון היגען שטאדט-חזן ה' יוסף באדאש און דעם וועלט-בעריהמטען 12-יעהריגען וואונדער-קינד איטשעלע טילעס, וועלכער האט שוין בעגייסטערט די צוהערער אין אונזער שטאדט מיט זיין זינגען און וועלכער האט זיך אין דער וועלט ערווארבען די גרעסטע אנערקענונג אין עולם הנגינה.

דער פראגראם זעהט פאר א גאנצע רייהע יודישע נגינות, אויך דער כאר איז פערשטארקט געווארען, אזוי, אז יעדער צוהערער, וועט אהן ספק האבען גייסטיגען געגוס.

געדענקט, אז פון אייך איז אבהענגיג דער גורל פון איבער טויזענד יודישע נפשות! פון הונדערטער קינדער, וועלכע געהען אויס פאר הונגער! ווארט נישט ביז מען וועט אנקלאפען אין אייער טהיר!

די גראנדיעזע חנוכה - פייערונג פון יודישען גימנאזיום.

מיר האבען שוין מיטגעטיילט וועגען דעם חנוכה-אווענד, וואס עס קומט פאר מארגען שבת אווענד אין זאל פון „ראזמאיטאשטשי, וועלכער ווערט איינגעארדענט דורך דער זעלבסטהילף ביים יודישען געזעלשאפטליכען גימנאזיום.

דער פראגראם פון דעם אווענד איז רייך מיט פערשידענע אטראקציעס, כאר סימפאנישער ארקעסטער, באלעט און טענץ.

ביי דעם דארף בעמערקט ווערען איז די גאנצע הכנסה פון דעם אווענד

ביי ערקעלטונגען, גריפע, האלז-ענטצינדונג, מאנדעל-געשוואלענקייט, ווי אויך נערוועו-שמערצען טהוט מען גוט, כדי צו זארגען פאר די טעגלי_ע אויסליידיגונג טרינקענדיג א האלב גלאז נאטירליך ביטער-וואסער Franc s ka Józefa

בעשטימט פאר דער זעלבסטהילף, וואס עקזיסטירט ביים גימנאזיום און וועלכע האט די אויפגאבע צו אונטערשטיצען די אונפערמעגליכע שילער און שילערינס, אז זיי זאלען קענען פארטזעצען זייערע למודים.

מיט'ן שטיצען די דאזיגע אונטערנעהמונג וועט יעדער נישט בלויז האבען א גייסטיג פערגעניגען, נאר ער וועט אויך מיטהעלפען דער אזוי-וויכטיגער אינסטיטוציע אין איהר נוצליכער ארבייט.

א שעהנער טהאט.

דער היגער בעוואוסטער אדוואקאט ה' גליקסאן, וועלכער איז אויך פארזיצענד'ער פון געשאפענעם הילפס-קאמיטעט האט די וואך געשפענדעט פאר'ן קאמיטעט די סומע פון 300 זלאטעס.

ברידער יודען!

דער ווירטשאפטליכער קריזיס, וועלכער פערשפרייט זיך אין בושעוועט אין לאנד, האט אממייסטען געטראפען די יודישע בעפעלקערונג. עס האבען זיך אבגעשטעלט די ארבייטס-ווארשטאטען, עס האבען אויסגעטריקנט אלע הכנסה-און פרנסה- קוואלען, דאס געשפענסט פון הונגער און נויט האט בעהערשט פיעל, פיעל יודישע משפחות.

מיט שרעק מוז פעסטגעשטעלט ווערען, אז גאנצע מחנות יודישע סוחרים, הענדלער און האנדווערקער קעמפען מיט די לעצטע כוחות, כדי כאטש ווי עס איז צו פערדינען אויף א טרוקען שטיקעל ברויט; עס איז א שרעק צו הערען, אז אין אונזער פערהעלטניסמעסיג נישט גרויסער שטאדט געפונען זיך אין יעצטיגען מאמענט איבער טויזענד בכבוד'ע פאמיליעס אין א העכסט-טראגישער לאגע: בוכשטעבליך אהן ברויט, בעהייצונג, קליידונג און שיך.

דאס דערמאנטע טרויעריגע בילד צווינגט זיך צו בעשעפטיגען מיט דו דאזיגע אונגליקליכע, נאר מיר אליין מיט אייגענע כחות מוזען זיי העלפען, ווייל די שוין עגזיסטירענדע, אזוי גערופענע הילפס-קאמיטעטען בעשעפטיגען זיך נישט מיט אונזערע קרבנות, וועלכע געהערען צו דער קאטעגאריע פרנסה'לאזע און זענען נישט רעגיסטרירט אלס ארבייטסלאזע אין ארבייטס-פערמיטלונגס-אמט, דעריבער זענען די דאזיגע געפאלענע און פעראריםטע אויסגעשלאסען פון צו געניסען זייער הילף.

דעריבער ליגט דער חוב זיי צו העלפען נור אויף אונז אליין.

כדי צו ערפילען אונזער הייליגען און גרויסען חוב לגבי אונזערע פעראונגליקליכטע ברידער, זענען מיר צוגעטרעטען צו ארגאניזירען אנ'אקיצע פון א שנעלער הילף. די דאזיגע אקציע ואל ארומנעהמען די תקופה פון די נעכסטע 6 חדשים, ד. ה. פון נאוועמבער ד. י. ביז אפריל 1932 איינשליסליך.

מיר ווענדען זיך אז דער היגער יודישער בעפעלקערונג מיט דער הארציגסטער בקשה, אז יעדער זאל דעקלארירען א געוויסע סומע אלס מאנאטליכען אבצאהל לטובת אונזער אקציע.

יוד. הילפס-קאמ. פאר קריזיס-געליטענע
אין טשענסטאכאוו.

אל כל העברים בצ'נסטוכובה!

ביום הרביעי הבא (9 לדצמבר) יתקיים בכל פולניה מפקד-עם כללי, אשר תוצאותיו תשמשנה בתור יסוד מכריע לפוליטיקה הלאומית-תרבותית והכלכלית בפולניה.

והנה, בהיות כי בשאלוני-המפקד חסר לגמרי המדור של הלאומיות ובמקומו ישנה רק הרובריקה של הלשון — חובה קדושה מוטלת על כל העברים להצהיר בתור שפת-האב רק את השפה העברית.

בשים לב לנזכר לעיל הננו פונים אל כל העברים הנאמנים לאידאל הנשגב של תחית השפה העברית ולכל קנינינו הלאומיים—נהלו, כולכם כאיש אחד, פעולת הסברה נמרצה בין השדרות הרחבות של האוכלוסין העברים בעירנו לטובת הלשון העברית.

עברים!

אל תחמיצו את ההזדמנות, שבאה לידכם! נהלו תעמולה לטובת השפה העברית — לשוננו הלאומית היחידה בכל הדורות, בכל התקופות ובכל הארצות, שבני ישראל נחתים בהן.

איש מכם בל יפקד ביום המפקד הכללי!

סניף „תרבות" בצ'נסטוכובה.

אויפרוף וועגען דער אלגעמיינער פאלקס-צעהלונג

דעם 9-טען דעצעמבער ה. י. קומט פאר אין פוילען די 2-טע אלגעמיינע פאלקס-צעהלונג. די רעזולטאטען פון דער צעהלונג וועלען אין משך פון די קומענדע 10 יאהר דיגען פאר א פונדאמענט ביים בעשיידען די פראגען פון דער נאציאנאל - קולטורעלער און וויסענשאפטליכער פאליטיק. עס ליגט דעריבער אויף יעדען איינעם א חוב צו זארגען, אז די דאזיגע רעזולטאטען זאלען ענטשפרעכען דעם פאקטישען צושטאנד און זאלען געבען אנ'אמת בילד וועגען דעם מצב פון יודישען נאציאנאלען קבוץ אין פוילען.

אין די פראגע-בויגענס, וואס יעדער בירגער וועט דארפען אויספילען בשעת דער פאלקס-צעהלונג, פעהלט דאס מאל די רובריק פון נאציאנאליטעט. אנשטאט דעם איז פארהאן א רובריק וועגען דער אויסשפראך, און לויט דער דאזיגער רובריק וועט מען פעסטשטעלען די גרויס פון די פערשידענע נאציאנאלע קיבוצים אין לאנד.

אלע בירגער-יודען, אהן אונטערשיעד פון ריכטונג און פארטיי, זענען פעראינטערעסירט, אז די פאלקס-צעהלונג זאל נישט מינערן די גרויס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען. עס איז בכן דער חוב פון יעדען יודען אנצוגעבען אין די פראגע-בויגענס י ו ד י ש אלס די מוטער-שפראך. דאס איז דאס איינציגע מיטעל אבצוהיטען די יודישע נאציאנאל-קולטורעלע און עקאנאמישע אינטערעסען בשעת דער פאלקס-צעהלונג.

מיר ווענדען זיך צו דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאכאוו און מיר רופען: בעטייליגט זיך בעוואוסטזיניג אין דער פאלקס-צעהלונג! גיט-אן יודיש אלס אייער מוטער-שפראך! אזוי ארום וועט איהר אנגעבען דעם אמת און וועט מאניפעסטירען אייער צוגעבונדענקייט צו דער שפראך פון די ברייטע יודישע מאסען אין פוילען און גאר דער וועלט.

מיר ווענדען זיך צו אלע יודישע אינסטיטוציעס — ווירטשאפטליכע און קולטורעלע — זיי זאלען תיכף צוטרעטען צו דער אויפקלערונגס - ארבייט פאר יודיש אלס מוטער-שפראך אין דער פאלקס-צעהלונג. מיר רופען צו זיי: הויבט אן אנ'אינטענסיווע פראפאגאנדע-אקציע צווישען אייערע מיטגלידער; רופט אויפקלערונגס - פערזאמלונגען; שיקט פונאנדער צירקולארען און אינסטרוקציעס; וועקט דאס בעוואוסטזיין פון די שיכטען, וועלכע זענען אן אייך אנגעשלאסען.

פערגעסט נישט, אז ביז צום טאג פון דער פאלקס-צעהלונג איז געבליבען זעהר א קורצע צייט.

געדענקט אלע אן אייער חוב פאר דעם יודישען נאציאנאלען קיבוץ אין פוילען! גיט-אן יודיש אלס מוטער-שפראך בשעת דער אלגעמיינער פאלקס-צעהלונג.

ווארשאווער יודישער פען-קלוב,
געזעלשאפט „פריינד פון ייוו"א"
אין טשענסטאכאוו.

מעשה'לעך און געשעהענישען

זייער טענה

די חיגע כלי-זמרים, וועלכע האבען שטענדיג פערדינט אין די קינא'ס, זענען צוליעב דעם קלאנג - פילם, אויף גרויסע צרות, איז זייער איינציגע נחמה, וואס זיי שפילען כאטש אויף חתונות (און דאס אויך זעהר זעלטען) לאזט מען זיי אבער אויך דאס נישט בעקומען און מען מאכט זיי קאנקורענץ.

אט ליגט פאר מיר א בריעף פון די יודישע כלי-זמרים, וואו זיי בעקלאגען זייער מזל.

יענע וואך—שרייבען די מוזיקער—זענען זיי איינגעלאדען געווארען אויף א חתונה אין האנדווערקער - זאל, כדי משמח צו זיין דעם עולם, קומענדיג אבער אויף דער חתונה האבען זיי געטראפען עטליכע פערשוין, זיצענדיג אויף זייערע ערטער מיט די פידלען אין די הענד און געגרימפעלט, ווען זיי האבען געבעטען, אז זיי זאלען פערלאזען דעם זאל און די כלי-זמרים צולאזען צום פסוק, האבען זיי נישט געוואלט און ווייטער געקלאפט אויף זייערע קעסטלעך-פויקען, וואס זיי האבען מיטגעבראכט.

עס האט נישט געהאלפען, וואס די מחותנים האבען זיי געהייסען אוועקגעהן צוריק צו זייער ווערקשטאט יענע האבען גע'טענה'ט, אז ביי זייער פאך האט זיך אויסגעלאזט די ארבייט, ווילען זיי אויף אזא אופן פערדינען געלט, ערשט דער אנגעקומענער פאליציאנט האט די נישט-איינגעלאדענע מוזיקאנטען משלה געווען און די ריכטיגע מוזיקאנטען האבען אויסגעמיטען דעם סמיטשעק, וואו דער עולם האט געכאפט דאס אמת'ע טענציל.

דאס איז אפילו א גענוג-טרויעריגע ערשיינונג, וואס כאראקטעריזירט די איצטיגע שווערע צייט, אבער א ריכטיגע טענה האבען זיי דאך, אונזערע פראפעסיאנעלע מוזיקאנטען.

א מעשה מיט א איבערבעט

וועגען א מעשה מיט א איבערבעט קאכט זיך זעהר שטארק צווישען די שכנים פון פשעמיסלאווע גאס.

פרל. ק., וועלכע פערנעמט דארט א דירה שוין א סך יאהרען האט אבגערייזט אויף עטליכע חדשים קיין זאגלעמביע, האט זי איהר ביסעל זאכען טיילווייז איבערגעלאזט ביי די שכנים.

צווישען די שכנים געפונט זיך איין פאמיליע, פון וועלכע דער מאן איז א עלטערער מענש און זי, דאס ווייב (זי איז ביי איהם די צווייטע) איז א יונגע, נאך מיט פול לעבען, האט די דאזיגע שכנ'טע אויך גענומען צו בעהאלטען א אובערבעט.

ויהי היום, ווען דאס פריילייין איז אהיימגעקומען פון איהר נסיעה און געפאדערט איהר איבערבעט, האט מען איהר געוואלט געבען אנ'אנדערע איבערבעט, האט זי דאך נישט געוואלט נעמען, איז געווארען א סקאנדאל, מיט בעליידיגונגען, מיט סאנדעס, אזוי לאנג און ברייט ביז דאס פריילייין איז פעראורטיילט געווארען אויף א חודש ארעסט.

מיט דעם ענדיגט זיך אבער נישט דער ענין, נאטירליך האט זי אפעלירט און עס דארף פארקומען דער אייגענטליכער פראצעס וועגען איבערבעט.

צום פראצעס האבען זיך געמאלדען אלע שכנים פון הויף, וועלכע ווילען עדות זאגען לטובת דער פריילייין.

די גאנצע גאס רעדט וועגען דער איבערבעט, וואס וועט נאך וואנדערן אין געריכט אריין, צום גרינעם טיש.

היינטיגע געשעפטען.

אז עס איז א קריזיס איז פאבריצירען בילעטען אויך א געשעפט. יודיש טעאטער האט גרויס הצלחה, ווען עס שפילט איז עס פול, אלא וואס דען, די קאסע איז ליידיג.

ויהי, אז אונזער יודישער דירעקטאר ה' עפשטיין האט געזעהן, אז זיינע געשעפטען געהען גוט, נאר קיין פרנסה איז נישטא, האט ער שטרענג קאנטראלירט און געכאפט 3 יונגעלייט מיט פאלשע בילעטען, וועלכע האבען אויסגעגעבען דעם פאבריקאנט.

מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען ווייסען מיר נאכנישט, עס איז נאר כאראקטעריסטיש פאר דער היינטיגער צייט צו וואס מענשען נעמען זיך אלץ.

וועלכע ער האט בעקומען אלס האנא-ראריום פאר'ן אדורכפיהרען א שידס-געריכט.

זאל זיין שעהנער טהאט דיענען אלס מוסטער פאר אנדערע, אז זיי זאלען אין אזעלכע פאלען נישט פערגעסען אין דער וויכטיגער אקציע, פאר אונזערע בכבוד'ע ארימע פאמיליעס.

„א נאכט אין תל-אביב".

ענדליך האבען מיר זיך דערוואַרט אויפ'ן גראנדיעזען באל „א נאכט אין תל-אביב".

שוין דעם 12 דעצעמבער וועלען מיר האבען די מעגליכקייט צו בעזוכען דעם דאזיגען באל אין פייערלעשער-זאל. דער באל האט ארויסגערופען א אונגעהויערע פעראינטערעסירונג אין אונזער שטאדט און עס איז צו האפען, אז ער וועט בעזוכט ווערען דורך דער עליטע פון דער היגער יודישער געזעלשאפט.

די באל - קאמיסיע, אין וועלכער עס געהען אריין די אנגעזעהענסטע מענשען פון אונזער שטאדט, בעמיהט זיך מיט אלע מעגליכקייטען, אז דער באל זאל זיין אונגעוועהנליך אימפאזאנט.

גרויסע חנוכה-פערוויילונג אין שטאדט-ראט-זאל

ווי עס איז שוין אלע בעוואוסט קומט פאר דעם 6 גרודזיען ה. י. א גרויסע חנוכה-פערוויילונג אין שטאדט-ראט-זאל 3 א זייגער נאכמיטאג פאר קינדער; 8 אָווענד פאר דערוואקסענע און יוגענד.

די דאזיגע צוויי פערוויילונגען זענען פערזעהען מיט א סך פערשידענארטיגע אטראקציעס: גליק - קארבען, קינדער - אויפטריטען, פינג-פאנג קאנקורס. די אווענד-פערוויילונג: טענץ, סערפענטין, קאנפעטי א"א.

די גאנצע הכנסה פון דער פערוויילונג איז בעשטימט פאר'ן יתומים-הויז „מינא ווערדע". עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אז די פערוויילונגען וועלען צאהלרייך בעזוכט ווערען דורך דער היגער יודישער געזעלשאפט.

דאנסינגען אין דער „ווארטא".

מארגען שבת, דעם 5 ד. ח. קומט פאר א דאנסינג אין אייגענעם לאקאל פון ספארט-קלוב „ווארטא" (געוו. פאבריק „אייראן").

ווי מיר ווערען געוואויר, גרייטען צו די ארגאניזאטארען א רייהע סיורפריזען, ווי: רולעטקע, טאנץ-קאנקורסען, לאטעריע א. ד. גל.

עס אונטערליגט דאריבער נישט קיין שום ספק. אז דער מארגענדיגער דאנסינג פון דער „ווארטא" וועט האבען א גרויסען ערפאלג און וועט זיין דאס צוזאמענקונפטס-ארט פון די „ווארטא" - סימפאטיקער. מען דארף אויך צוגעבען, אז דער ארקעסטער איז פערשטארקט דורכ'ן בעקאנטען פידלער ה' אפמאן און איז פערזעהען מיט די נייעסטע שלאגערס. אנהויב 9 אָווענד. דער פרייז פון די בילעטען איז צוגעפאסט צו דער קריטישער צייט.

דאריבער טרעפען זיך אלע אויפ'ן דאנסינג פון דער „ווארטא".

א מיטינג וועגען פאלקס-צעהלונג

זונטאג, ד. 6 דעצעמבער 12 פריה קומט פאר אין לאקאל פון יודישען טורן און ספארט פעראיין, אגראדאווע 22 א מיטינג געווידמעט דער פארשטעהענדער אלגעמיינער פאלקס-צעהלונג.

די איניציאטיוו האט איבערגענומען די געז. פריינד פון „ייווא" אין טשענסטאכאוו.

ס'וועלען ארויסטרעטען א גאנצע רייהע רעדנער און פריינד פון „ייווא".

Pończochy - z gwarancją za trwałość
Rękawiczki - męskie damskie i dziecinne —
Bielizna - Jagera, oraz wszelką konfekcję męską najkorzystniej do nabycia
w DOMU POŃCZOCH bielizny i Manufaktury
Częstochowa, II Aleja 29.

ספארט.

די גרעסטע באקס-סענסאציע.

א גרויסע סענסאציע האבען ארויסגערופען די מארגענדיגע באקס-קאמפען שוין צוליעב דעם, וואס די באקסער פון יורישען טורן-און ספארט-פעראיין וועלען צום ערשטען מאל האבען יודישע געגנער און דאס אין דעם יודישען אקאדעמישען ספארט - פעראיין (זשאס) פון ווארשא, וועלכער פערמאגט די בעסטע יודישע באקסער אין פוילען. דער יטס"פ לייגט גרויס אכט אויף די דאזיגע קאמפען, וואס דארפען דיענען אלס מאס פון קלאסיפיקאציע.

די סטודענטען - באקסער האבען זיך אין ווארשא ערווארבען די סימפאטיע פון יודישען פובליקום, צוליעב זייער שעהנעם און עלעגאנטען ארט באקסען. האפענטליך וועלען זיי אויך אין טשענסטאכאוו אויסנעמען ביים פובליקום.

צווישען די געסט זענען פערהאן אזאלכע טעכניקער ווי: ראסנער, ברידער גאלדבערג, וואלפאוויטש און אייזענשטיין, וועלכע טרענירען אונטער דער אויפזיכט פון אויסלענדישען באקסלעהרער צירזאן.

דער יודישער טורן-און ספארט-פעראיין שטעלט ארויס די בעסטע מאנשאפט, ווי: ווייסבערג, יורקעוויטש, שיין, כליוונער, זילבערבערג, וועלכע זענען גוט פארגעברייט, אזוי, אז די קאמפען זאגען צו צו זיין זעהר אינטערעסאנט. די קאמפען קומען פאר מארגען, שבת 8 אָווענד אין גימנאסטישען זאל פון יטס"פ.

פינג-פאנג מעטש.

שבת, ד. 5 ד. ח. 4 נאכמיטאג, וועט פארקומען אין לאקאל פון „ווארטא" א פינג-פאנג מעטש צווישען ווארטא — אכבה, וואס ס'האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג.

פון יודישען טורן-ספארט-פעראיין.

פערגאנגענעם שבת איז אין אייגענעם לאקאל פון י. ט. ס. פ. פארגעקומען א נעץ-באל-מעטש צווישען די מענער און דאמען-נרופען פון וויקטאריא און יטס"פ. אמבעסטען איז אויסגעפאלען דאס 3-ער סיסטעם-שפיעלען פאר דאמען, וואו פרל. קארנבראט-שטייער-שלעזינגער האבען איבערצייגענד בעזיעגט די „וויקטאריא" 14:30.

אין מיקס-דעבל האט פרל. שטייער און פשעראווסקי בעזיעגט דאס וויקטאריא-פאר מעלקובנא—שמעיקאל.

א שעהן שפילען האבען געוויזען פרל. קארנבראט, קויפמאן—שאפראנסקא, ראמאנאווסקי. אין סינגל האט פשעראווסקי געהאט א גלענצענדען נצחון.

א בריעף אין רעדאקציע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס עס איז אנגעוויזען געווארען אין אייער וו' צייטונג אין רובריק „וואס געהערט, וואס געזעהן", צי ס'איז אמת, אז דער פראפ. פעראיין פון בעקליידונגס - אינדוסטריע אין טשענסטאכאוו שיקט פאליציי צו די מייסטערס וועגען שטערען זייער ארבייט אין זונטאג, בעטען מיר אייך זעהר אבצוגעבען פלאץ פאר אונזער פאלגענדער ערקלערונג:

אזוי ווי דער פראפ. פעראיין פון בעקלייד-אינדוסטריע אין טשענסטאכאוו האט אונטערגענומען א אקציע אדורכצופיהרען דעם 8-שעה'דיגען ארבייטס-טאג, וואס פערפליכטעט לויט'ן געזעץ יעדע אונטערנעהמונג, האבען מיר געהאט א קאנפערענץ אין האנדווערקער-פעראיין מיט פארשטעהער פון שניידער-צעך און מיר זענען אהן שוועריגקייטען געקומען צו א הסכם אדורכצופיהרען אין אלע טשענסטאכאווער שניידער-ווארשטאטען דעם 8-שעה'דיגען ארבייטס-טאג, אז ס'זאל נישט קומען צו קיין קאנקורענץ, ווען ביי געוויסע ארבייטס-געבער וועט ווערען געארבייט צו 12, 14 שעה אין טאג. דער בעקלייד-פעראיין האט ארויסגעשיקט מיטגלידער פון פעראיין, בעזארגט מיט בעפולמעכטיגונגען פון פעראיין און ארבייטס-אינספעקטאר, נור אזוי ווי געוויסע הערען שניידער-מייסטער איז נישט געווען צום הארץ (צו דער טאש) אז די ארבייטער זאלען ארבייטען 8 שעה אין טאג, האבען זיי די דעלעגאציעס בעליידיגט אויף נישט קיין מענשליכען אופן, מאנכע האבען זיך ערלויבט זיי ארויסצווארפען און אנצוגיסען מיט וואסער. און ווען מיר האבען נישט באלד רעאגירט, כאטש מיר האבען געהאט רעכט צו רופען פאליציי פאר געגענשטעלען זיך דעם געזעץ, האבען מיר עס נישט געטהון. נאר נאך מעהר ווילדערע טהאטען ווי פאר צווינגען לענגער צו ארבייטען, האבען מיר די פערשוינען איבערגעגעבען צום ארבייטס-אינספעקטאר און ער זאל קאנטראלירען דעם 8-שעה'דיגען ארבייטס-טאג.

די פערוו. פון פראפ. פעראיין פון בעקלייד-אינד. אין טשענסטאכאוו
פאר'ן פארזיצער: ה. יארזאמבעק.

FUTRA
wszelkiego rodzaju po cenach przystępnych
poleca na bieżący sezon
Maurycy KORNBERG
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6 TEL. 259.

די פירמע וו. גאסטינסקי, אלעע 21
מאכט בעקאנט די ג' קונדשאפט, דאס זי האט געעפענט א ספעציעלע אבטיילונג פון
וואוינונגס = מעבעל,
ווי: שלאף-און עס-צימערן, קאבינעטען א. א. וו.
אין גאנצע קאמפלעטען ווי אויך איינצעלנע זאכען.
ס'זענען אויך פערהאן טאפיציר = אויסארבייטונגען,
ווי טאפטשאנען, קושעטען, קלוב-פאטעלען אאוו.
צו זעהר צוגענגליכע פרייזען.
מיר עמפפעהלען פערשידענע פארבען, טאפעטען, פאקאסט, כאדניקעס און קאקאסאווע דיוואנען.

„Grand-Kino"
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

היינט און ווייטערע טעג.
ווערט דעמאנסטרירט א קלאנג - הומאר בילד אונטער דער רעזשי פון ווילהעלם טיל,
SEKRETARKA OSOBISTA
אין דער הויפט - ראל: מאריא גלאירש.
— — איינצעלהייטען אין די אפישען. — —
איבער'ן פראגראם: הערליכע קלאנגס = צוגאבען.

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאנס 10 אווענד.
אויפ'ן 1 סעאנס קרוזעלא 1 זל.

אונגעוועהנליכע עגזאטישע פרעמיארע!
NOCE MAROKAńSKIE
(בלוט פון דעם מדבר)
ליעבעס - דראמא פון צוויי חברים און איין פרוי.
אין די הויפט - ראלען: דאראטא סעבאסטיאז, זשאק האלט און ראלף גראווס.
איבער'ן פראגראם: קראקאווער חתונה אין בראנאוויץ, אילוסטרירט מיט געזאנג און טענץ.
פרייזען פון 1 זלאטע.

ערשטער מוסטערהאפטער קלאנג-קינא
Nowości
אלעע 12
לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.
היינט און [illegible] טערע טעג.

נייעס! רעוואלאציע! ענטציקונג!
HALKA
אויף דער אפערע פון אונשטערבליכען מאניושקא
אריגינעלע אפערען = געזאנגען.
סאלא און כאר = געזאנגען.
ערשטער פוילישער פילם אין אלע שפראכען, וועלכען עס בעוואונדערט די גאנצע וועלט.
צוליב'ן אנגאזשירען א ספעציעלען כאר און ארקעסטער זענען די פרייזען עטוואס געהעכערט.

דאס פוטער-געשעפט פון די פירמע
פיק און זשעלינסקי
טשענסטאכאוו, 1 אלעע 3
פראנט ערשטער שטאק
איז פערזעהען צום קומענדען סעזאן מיט א גרויסען אויסוואהל
פון אלערליי פוטער-סחורות,
ווי פערשידענע פעל, בלאמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פערטיגע און בעשטעלטע דאמען און הערען-פוטערס א. א. א.
ביליגע פרייזען! — — — — רעיעלע בעהאנדלונג!
קומט און איבערצייגט אייך!
אכטונג: פראנט ערשטער שטאק.

מעבעל = לערער
און לערערנע
אקטען = טאשען
פערקויפט ביליג
ד. וויינבוים אלעע 32

צו וואס דארפט איהר צאהלען טהייער?
אז איהר קאנט צאהלען ביליג!
די בעסטע קוואליטעטען פון אלערליי
רויכער-פליישען, ווורשט, אויפשניט, פארובקעס
און שמאלץ, צו זעהר ביליגע פרייזען
נור אין דער פירמע פון
ז. אבראמאוויטש, ווארשעווער 4.
אויב איהר וועט איינמאל ביי אונז קויפען, בלייבט איהר אונזער שטענדיגער קונה.
געדענקט די אדרעס:
ז. אבראמאוויטש, ווארשעווער 4, רוג נייער מארק.

צום ווינטער = סעזאן 1931=32!
איז דאס פוטער=געשעפט
פון מיכאל איידעלמאן
פילסודסקי 5, פראנט ערשטער שטאק, טעל. 305
פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערארט פוטער - סחורה און איינצעלנע פעל, בלאמען.
פערטיגע דאמען און מענער = פעלצען.
אין מיין ערשטקלאסיגען קירשנער-ווערקשטעל ווערען אויסגעפערטיגט אלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעיעל, לויט די נייעסטע מאדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.

Radjoaparaty i Radjosprzęt
Armatury żyrandole i grzejniki elektryczne
Łożyska kulkowe S. R. O.
Opony samochodwe „Firestone"
Pasy transmisyjne
Wszelkie artykuły techniczne i elektrotechniczne
Wanny kąpielowe odporne na kwasy
Stale świeże baterje anodowe poleca:
Biuro Techniczne „UNION"
Sp. z o. o.
PANNY MARJI 14. TEL. 770

Redaktor: Izrael Płockier · Wydawca B. Bocian · Druk. B. Bocian, Aleja 6